בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE

די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **בשלח** תש"פ
Vol. 6-A

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove


שב"ק פ' **בשלח** - **שירה** תש"פ
י"ג שבט

זמנים

הדלקת הנרות
**5:05**

סו"ז קריאת שמע
**8:59**

זמן מוצש"ק
**6:34**

**א פרישע דורכברוך פיבערט יעצט אינערהאלב די יו.ושעי.סי. להציל נפשות מישראל:**

# דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען רוקן פאָראויס לעבנס-וויכטיגע נויטיגקייט איפצובויען בלומינגראָוו "הצלה סטאַנציע" מיט שטענדיגע גרייטקייט צו רעאַגירן על כל צרה שלא תבוא

## העפטיגע פאַרהאַנדלונגען און שתדלנות פון יו.ושעי.סי. באָורד-מיטגלידער דורכאויס די לעצטערע לאַנגע וואָכן און חדשים ברענגט ענדליך געוואונטשענע דורכברוכן

3

## התרגשות דקדושה צו די גרויסע שמחת החתונה פון נכדת כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א

5




13




6

**וכל מי שעוסקים — פאַר'ן עתיד פון בלומינגראָוו:**

# גרויסאַרטיגע "אסיפת עסקנים" וועט פאָרמירן צענטראַלע פאַראייניגטע "וואַל-קאָמיטע" קומענדיגן "ליל שישי יתרו" אין ביהמ"ד מאורות נתן ראדאוויץ

**כל נדיב לב יבואו: ווערט ערוואַרטעט רייזיגע באטייליגונג פון עסקני'שע כוחות פון אלע שיכטן אין בלומינגראוו**

אויסנאַם רייכע מאורע, מיט אינהאַלטספולער פּראָגראַם, ספּעציעלע געסט רעדנער און רייכע פאנעל, וועט אי"ה שענקען גייסטרייכע שעה'ן און אוצרות אינפארמאציע פאַר אַלע פאַרזאַמלטע עסקנים פון כל קהלות הקודש וואָס טוען פאָרמירן אונזער הערליכע שטאָט

• גענויע דעטאַלן וועלן נאָכפאָלגן אויף ספּעציעלע מודעות אין די בתי מדרשים אין די קומענדיגע טעג •

**א פרישע דורכברוך פיבערט יעצט אינערהאלב די יו.זשעי.סי. להציל נפשות מישראל:**

# דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען רוקן פאָראויס לעבנס-וויכטיגע נויטיגקייט אויפצובויען בלומינגראָוו "הצלה סטאַנציע" מיט שטענדיגע גרייטקייט צו רעאַגירן על כל צרה שלא תבוא

**העפטיגע פאַרהאַנדלונגען און שתדלנות פון יו.זשעי.סי. באָורד-מיטגלידער דורכאויס די לעצטערע לאַנגע וואָכן און חדשים ברענגט ענדליך געוואונטשענע דורכברוכן**

בלומינגראוו. – צווישן די "יו.זשעי.סי." קארידארן, וואו מ'לעבט און מ'אטעמט מיט עסקנות טאג און נאכט, אויף אזויפיל פראנטן און הינזיכטן, האט די היינטיגע וואך אפגעקלינגען א פרישע פריידיגע און ווייטגרייכנדע דורכברוך – דאסמאל אין סאמע לעבנס-וויכטיגן געביט פון "הצלת נפשות", עפעס וואס רירט צו צום סאמע וואוילזיין און געזונט-רואיגקייט בעז"ה פון די הונדערטער היימישע פאמיליעס דאהי אין אונזער שטאט.

יא, אמת, מ'האלט טאקע אין ברען פון די עלעקשאנס בעפארגרייטונגען, מ'איז פארנומען ביז איבער'ן קאפ מיט עסקנות און שתדלנות, מיט קאנפערענצן און מיטינגען, מיט פארהאנדלונגען און באמיאונגען, אבער "וגם מזה אל תנח ידך", די נויטן און געברויכן פון בלומינגראווער איינוואוינער שטייען כסדר פאר די אויגן, דאס אחריות אלס ערוויילטע שלוחי הציבור טרייבט אויף פעולות, ווייל נאך אלעמען איז דאס גרייכן א וואל-זיג אויך נאר א חלק פון אט דער שתדלנות אויסצובויען פאר אונז א בעסערן עתיד בעז"ה.

חסדי ה', ס'איז יעדער איינער מודה, אז אין יעדן הינזיכט וואו נאר די עסקני "יו.זשעי. סי." לייגן א האנט אין די עסקנות-פעולות על פי התורה אשר יורוך, זעט מען ב"ה א וואונדערליכע סייעתא דשמיא וואס באגלייט אויף טריט און שריט. מ'זעט באשיינפערליך ווי ווייט א כח הרבים גייט, ווי מאכטפול א כח האחדות איז, און דאס שטופט נאכאנאנד די עסקנים, די באורד מיטגלידער, זיך נישט אפצושטעלן, נאר שטופן יעדע נויטווענדיגקייט וואס פעלט זיך נאר אויס, צו ערלעדיגן פאר'ן ציבור נאך און נאך, אן קיין אפשטעל.

## און אט איז געקומען די צייט פאר "הצלה"

שוין עטליכע וואכן וואס די עסקנים זענען פארמישט "הינטער די קוליסן" אין א גאר קריטישער און וויכטיגער הצלת נפשות פראיעקט. און אצינד ווען מ'איז אריבער א מיילשטיין, האלטנדיג דערביי אז מ'קען עס שוין אנאנסירן פאר דער עפענטליכקייט, איז עס מיט דער גרעסטער מאס סאטיספאקציע אז מיר קענען דא אין דער שטימע אייך ברענגען דערוועגן אן ערשטהאנטיגן, אויסשליסליכן באריכט.

## "הצלה" די קריטישסטע נויטווענדיגקייט פאר א אידישע שטאט

א אידישע שטאט, קומט מיט א חברה הצלה. ס'איז לעבנס וויכטיג. יעדע היימישע געגענט פארמאגט א חברה הצלה פון היימישע אידן וואס לויפן ראטעווען על כל צרה שלא תבוא מיט א הארציגער אידישער געטריישאפט, ווי נאר איין איד קען האבן צום צווייטן.

בלומינגראוו, די וואקסנדע אידישע שטאט, איז נישט אנדערש, און פון ווען די ערשטע משפחה האט זיך דאהי אריינגעצויגן האט תיכף די געטרייע "קרית יואל הצלה" אריינגענומען די בלומינגראווער גרעניצן אונטער זייערע הארציגע פליגלען. וברם יזכרו לטובה, די הונדערטער בלומינגראווער משפחות האבן נישט גענוג ווערטער צו באדאנקען די טייערע חברה הצלה, וועלכע "דעקן" שוין היינט ריזיגע ראיאנען פון קרית יואל און ארום, און סערווירן אונזער געגענט מיט די זעלבע געטריישאפט, פראפעסיאנאלקייט, ווי קרית יואל גופא.

כדי צו קענען טעכניש נאכקומען די פארלאנג, און צו האבן שטענדיג מושטירטע וואלונטירן צו רעאגירן אין די שנעלסטע רעאקציע וואס נאר שייך, האט קרית יואל הצלה געלאזט רעקרוטירן פרישע מעמבערס, פון אין און ארום די געגענט, און כהיום איז דא עטליכע חשוב'ע מעמבערס תושבי עירינו, וואס דא איז טאקע די פלאץ צו דערמאנען לשבח זייערע נעמען, די חשוב'ע מצילי נפשות תושבי עירינו, אלע מיט א ווארעם הארץ צו העלפן א צווייטן איד בכל נימי נפשם, ה"ה בראש וראשון א לאנג-יאריגע מעמבער מוה"ר הערשל לעווי הי"ו, מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו,ביידע אקטיווע באורד מעמבערס אין די יו.זשעי.סי., מוה"ר יושע ליבערמאן הי"ו, מוה"ר אליעזר יחזקאל שווימער הי"ו, וועלכע האבן די זכי' צו זיין די פאקטישע מצילי נפשות, צו העלפן און ראטעווען אידישע קינדער על כל צעד ושעל.

## דער פראבלעם: וואס טוט מען מיט אן אמבולאנס?!

אבער, א הויפט-געצייג אין דער "ארבעט" פון הצלה, איז דער אמבולאנס – א "באס" אינעם הצלה זשארגאן – וואס איז אויסגעשטאט און איינגעריכטעט צו קענען פירן ערשטע-הילף פאציענטן אין שפיטאל אין בליציגע מינוטן, ווען יעדע איבריגע רגע קען מאכן דעם דיפערענץ אין דער קריטישער הצלת נפשות

מיסיע.

דאס אנגאזשירן ביי יעדן "קאל" אן אמבולאנס נעמט אבער צייט. א באזונדערער מעמבער – נישט דער וואס 'לויפט' דער ערשטער אויף דער סצענע – דארף גיין נעמען זיין קאר, פארן צום "גאראדזש", דארט אפנעמען אן אמבולאנס און פארן דערמיט צו דעם פונקט וואו דער פאציענט ווארט אויף הילף צו ווערן געפירט אין שפיטאל אריין.

יעצט, בעת אין קרית יואל איז מען גענוג נאענט צו אלע געגענטער ארום און ס'איז אזוי אויסגעשטעלט אז מ'זאל קענען גרייכן איבעראל אין קורצע מינוטן, איז מען אבער דאהי אין בלומינגראוו א שטיקל מהלך אוועק. האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דא קען זיך מאכן ח"ו אן ערנסטע פארזוימונג ווען ס'האנדלט זיך אין קריטישע הצלה-קאלס, ווילאנג דער אמבולאנס קען אנקומען אויף דער סצענע.

די עטליכע מינוט וואס דער וואלונטיטר פארט צום גאראדזש, דאן פון גאראדזש צו בלומינגראוו, וואס צו טרייבן אזא ברייטער און שווער-וואגיגער "טראק" פון קרית יואל אהער נעמט א צירקע פון 8-10 לאנגע מינוטן, געוואנדן אין די ווייטקייט פון דעם הויז\גאס וואו עס שפילט זיך אפ די הילפס-רוף סצענע.

ווי דאס מציאות באווייזט קען דאס טיילמאל אויסקומען צו א סך הכל שפיל פון קרוב צו צ-וו-א-נ-צ-י-ג מינוט אין געוויסע פעלער. א "פארמעגן" פון צייט, ווען ס'האנדלט אין קריטישע פיקוח נפשות!

## א ברענענדיגער אחריות צו לעזן דעם נויט, אבער ס'נישט לייכט

שוין א לאנגע תקופה וואס די געטרייע עסקנים און די ראשי הצלה פון קרית יואל זענען מטכס עצה צו לעזן דעם פראבלעם, ס'ברענט אויף יעדן דאס אחריות, אז ס'איז 'עפעס וואס מוז געטון ווערן' פאר'ן קריטישן נויט פון הצלת נפשות, אבער למעשה איז עס נאך צום באדויערן נישט געקומען לכלל מעשה.

ווייל פארשטיין דארף מען אז צו צו טרעפן די נויטיגע פראפערטי און בויען א נייעם גאראדזש, איז גאר נישט א לייכטער עסק. ס'זאגט זיך אפשר גרינג, אבער אין מציאות דאס צו באווייזן איז א גאר קאסטבארע און שווערע אונטערנעמונג! וואו טרעפט מען שטח? וויאזוי בויעט מען דאס אויף? וואו שאפט מען די פאנדן?

א באדייטנדע דערלייכטערונג האט אריינגעטרעטן אין דער סיטואציע, ווען קרית יואל הצלה האט געלאזט בויען א נייעם סוב-סטעישאן אין דער עצי תמרים\קארלסבורג געגענט, וואס איז אין נאענטערן שכינות מיט אונזער ישוב בלומינגראוו. דאס האט היבש




## א פולשטענדיגער איינגערישטער "הצלה גאראדזש" און אמבולאנס פאר "בלומינגראוו"



פארגרינגערט אין פאל פון עמערדזשעענסי צו קענען ברענגען דעם הצלה "באס" גיך און געשווינד.

אבער פארט איז דאס נאך אלץ ווייט נישט גענוג, נאכצוקומען דעם ריכטיגן געברויך און פארלאנג – ס'זאל זיך ח"ו קיינמאל נישט אויספעלן. ווייל ווען ס'האנדלט זיך אין סכנת נפשות מוז עס זיין דאס שנעלסטע, די סאמע שנעלסטע וואס נאר מעגליך, און דאס צו באווייזן, מוז מען פארמאגן א "גאראזש" אויפ'ן פלאץ. ממש דא, ביי אונז אין שטאט!

## מ'זוכט און מ'טרעפט: א נייע קווארטיר פאר הצלה אין בלומינגראוו!

ובכן, אז ס'דא א נויט אין שטאט בלומינגראוו, א נויט פאר תושבי העיר, דאן זענען די געטרייע שלוחי הציבור, די דינאמישע באורד-מיטגלידער, איבער דעם, מיט הארץ און געפיל! נישט אלעמאל קען מען מיטטיילן די עסקנות-באמיאונגען ווען ס'נאך אין די פריע שטאפלען, צומאל איז "השתיקה יפה" ווילאנג ס'גייען אן פארהאנדלונגען כדי צו ברענגען די בעסטע און קראנטסטע רעזולטאטן לטובת הציבור.

אין די לעצטע וואָכן האט מען פארארבעט העפטיג אויף פארשידענע פראנטן, נאכגעגאנגען פילע פארשלאגן, ביז מ'האט בעז"ה באוויזן צו ערהאלטן א פארשפרעכונג פון הרבני הנגיד המפואר, בונה עולמות של תורה וחסד, הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, סגן ראש הקהל דקהל יטב לב ד'סאטמאר, וואס זייענדיג פון די תושבים אין אונזער שטאט, איז מען כסדר נהנה פון זיינע פולע לייסטונגען און נדבות בעירינו, און אַרויסהאָבנדיג די קריטישע נויטיגקייט פון סיטואַציע האט ער באַוויליגט צו מנדב זיין אַ שטח אונטער זיין אייגנטומערשאַפט וואס זאָל קענען עווענטועל דינען אלס די בלומינגראווער הצלה גאראדזש און לאָקאַלער סטאנציע פון דער חברה הצלה!

לויט'ן פלאן וועט בעז"ה אויף דעם שטח אויפגעבויעט ווערן א פולשטענדיגער איינגערישטער "הצלה גאראדזש", מיט אלע וויכטיגע עקוויפמענטס און קאמיוניקאציע איינריכטונגען פאר די לאקאלע הצלה-מיטגלידער, און עווענטועל האפט מען – מיט די ריכטיגע עסקנות צו שאפן די נויטיגע ריזן פאנדן – צו קענען פארמאגן אן אייגענער הצלה אמאבולאנס וואס זאל געווידמעט אויסשליסליך צו סערווירן בלויז די בלומינגראווער אומגעגנט.

## המה הגבורים: אַ דאַנק און אַנערקענונג פאַר אונזערע הערצאָישע עסקנים

מ'קען נישט פאַרענדיגן דעם באַריכט אָן אויסצודרוקן אַ האַרציגן "הכרת הטוב" פאר די הערצאָישע יונגעלייט מצילי נפשות, בראש וראשון ה"ה העסקן הנמרץ לכל דבר שבקדושה, מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, וואס מיט זיין געוואַלדיגער שעפערישקייט זייענדיג אַן איש חי ורב פעלים לתורה ולתעודה, האט ער שוין אָן אַ שיעור געלייסטעט פאר בלומינגראוו בכלל ובפרט, און מיט זיין נדיב לב גענומען אויף זיך נאך א עול לטובת תושבי עירינו און זיך אנגעשלאסן אין די "חברה הצלה" צו לויפן ראטעווען אידישע נפשות.

ידידינו ר' יצחק הי"ו, אינאיינעם מיט זיין שותף לדבר מצוה דער באליבטער עסקן ובעל חסד, מוה"ר יושע ליבערמאן הי"ו, וועלכער איז שטענדיג גרייט פאר א צווייטן איד מיט א ווארעם הארץ, האָבן מיט זייער אייגענע ערפארונג אין דעם געביט און ארויסהאָבנדיג פאַר די אויגן דאָס אויסטערלישע נחיצות און געברויך פון א בלומינגראוו הצלה סטאנציע האָבן זיך אריינגעלייגט אין דעם בלב ונפש,

**(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)**




מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

**לכבוד די מערכת פון די שטימע**

איך וויל זיך באציען צו די בריוו וואס איז פארעפענטליכע געווארן פאריגע וואך, געשריבן דורך דעם חשוב'ען תושב עירינו, דער מחותן הרה"ח ר' יואל מזרחי הי"ו ווי צווישן זיינע קורצע דאנק שורות ברענגט ער ארויס א געוואלדיגע נקודה, און כ'וועל זיך באציען אויף זיינע ווערטער.

די לעצטע עטליכע יאר פון ווען מיר האבען זיך אהער געצויגען איז געווען א מצב, אז ביי יעדע פראבלעם וואס מ'האט זיך אנגעשטויסן דא אין בלומינגראוו פלעגט מען זאגען אז "מ'דארף" מאכען א קאמיטע "מ'מוז" שטעלן אפאר אינגעלייט אונז צו פארטרעטן און העלפן, עס איז אבער געווען כקול קורא במדבר און מען האט זיך גאר שטארק אפגעמוטשעט עס איז נישט געווען קיין פאראייניגיטער כח העסקנות קיין אוזן קשבת.

און ברוך השם די לאנג ערווארטעטער חלום איז פארווירקלעכט געווארען און אין די לעצטע פאר חדשים האבן תושבי השכונה זיך פאראייניגט און צוזאם גענומען און מען האט אריינגעוועלט און אוועקגעשטעלט דעם יו זשעי סי ווי מען האט זיך פאראייניגט מיט א שטארקע כח העסקנות און זעלטענער אחדות כן יעזור ה' להלאה, זעט מען א געוואלדיגע שינוי לטובה, עס איז דא ווי זיך צו ווענדן, און ב"ה זאכן ווערן גענומען אין די הענט אריין, פון וואס יעדער האט הנאה ב"ה.

נאך אן אינטערסאנטע קרישקעלע וואס האט ארויסגעברענגט פרייד פון דעם חתונה בריוול, אזביידע מחותנים זענען תושבים פון צוויי נייע חסידי'שע בליענדע געגענטער "בלומינגבורג און בלומינג גראוו", קוקנדיג מיט א בליק אויף צוריק, זעט מען אז פאר א פינף יאר צוריק זענען ביידע פון זיי נאכנישט געווען אויף די ארענע און קיינער האט נישט פאראויסגעזעהן אזא חתונה בריוול וועט בכלל קענען צושטאנד קומען.

און ביידע פלעצער ביי די התחלות קשות איז מען אויסגעשטאנען געפערליכע רדיפות און שטארקע פראבלעמען, מען האט נישט געזעהן דעם עתיד, אבער ווי איך הער איז שוין אין בלומינגבורג זייער פרידליך און רויג די מצב זינט מען האט ערוועלט דעם יעצטיגע ווילעדש באורד, מ'זעט שוין דארט שינויים לטובה, און א דאנק דעם איז מען מרחיב די גבולי הקדושה אויף אלע אופנים און באקוועמליכקייטן פאר די תושבים ווי סטריט לייטס וכדומה, און מען לעבט בשלום ושלוה מיט אלע שכנים צוגלייך.

מיטן אייבערשטערס הילף וועט אי"ה זיך דא אויך איבערשפילן די זעלבע זאך ברוב סייעתא דשמיא.

זאל דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל טאקע קענען דא אויפטוהן וואס מען ברויך און קענען לעבן פרידליך מיט אלע שכנים צו גלייך און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה אויף יעדען געביט.

הצלחה אויף אייער ארבעט

י.ב.

* * *

קודם א הארציגן יישר כח פאר די זעלטנרייכע דעקונג וואס איר באווייזט מדי שבוע בשבוע אהערצושטעלן פאר'ן ציבור תושבי בלומינגראוו באזונדער די היסטארישע אינטערוויו מיט הרה"ח הישיש ר' חיים הערש ליימזידער הי"ו און בכלליות די יעצטיגע אנגייענדע אקטיוויטעטן.

עס איז אסאך מאל פשוט צום באוואונדערן די דינאמישע כוחות פון די געטרייע עסקנים וואס ממש יומם ולילה לא ישבותו פאר'ן בליענדן עתיד פון יעדן יחיד און יעדן ביהמ"ד בס"ד און מ'זעט די סייעתא דשמיא וואס באגלייט זיי אויף טריט און שריט.

עקסטער איז צום באדאנקען די קאלום פון לכו והתפרנסו זה מזה וואס איז א שטארקער ארט צוזאמצוברענגען די פארשידענע ביזנעסער פון תושבי עירנו אויף איין ארט, מ'זאל פשוט וויסן וויפיל סערוויסעס און ביזנעסער מיר קענען אלס געניסן דא אין שטאט פון אונזערע שכינים און גוטע פריינד.

צום שלוס וואלט איך זייער שטארק געבעטן אויב מעגליך כאטש איינמאל א חודש צו דרוקן "אלע קלאסיפיידס" אויף איין פעידזש צוזאמען כדי מיר זאלן האבן די מעגליכקייט דאס צו סעיוון און הנאה האבן דערפון אויפן טאג טעגליכן פארנעם.

**א יייש"כ נאכאמאל**

* * *

ענטפער פון די רעדאקציע:

יישר כח פאר אייער דברי חיזוק, בעז"ה קומענדיגע וואך וועלן מיר פרובירן צו דרוקן אלע קלאסיפיידס אינאיינעם.

**(פארזעצונג פון פריערדיגע זייט)**

זיי האָבן פאַרהאַנדט מיט'ן חשוב'ן נדיב לב, ביז זיי האָבן ב"ה מצליח געווען צו ברענגען אַזאַ וויכטיגע עררייכונג, להנאת כל תושבי העיר וועלכע זענען זיי מכיר טובה מעומק הלב.

עס איז צום אנמערקן, אז אין די סאמע אָנגעשטרענגטע זמנים פונעם יאר, אין די ימים טובים סעזאָן פון חודש תשרי העעל"ט, האט קרית יואל הצלה אויף דער פערזענליכער אינטערוועניץ פון העסקן הנמרץ ר' יצחק הי"ו, ספעציעל געהאט אן אמבולאנס דאָהי אין בלומינגראָוו, און איז געווען פארקירט אין הויף פון ביהמ"ד סאטמאר אויף רינאָוקע, וואס איז געווען אַ שטאַרקע הילף. אָבער ווי פארשטענדליך איז דאס נישט קיין פערמאַנענטע קוואַרטיר פאַר אַ טייערן אמבולאנס, און איבערהויפט נישט דורכאויס די ווינטער חדשים, ווען ס'דארף האָבן באַזונדערע פלעגע, און דעריבער איז אַזאַ פרייד אַז מ'האָט אַצינד דערגרייכט אַן ענדגילטיגן שטח פאַר אַ נייעם קביעות'דיגן קוואַרטיר.

## שטח אליין איז נאכנישט קיין ישועה — מ'דארף פערמיטן צו בויען!

זעלבסטפארשטענדליך, אז "שטח" אליין זאגט נאך גארנישט. ס'איז געוויס אַן אויסטערליש-פּאָזיטיווע דערגרייכונג, אָבער די אנטוויקלונג איז נאר אזוי לאנג ווערדפול פאר בלומינגראוו, אויב וועלן מיר קריגן די נויטיגע פערמיטן צו בויען די לעבנס-וויכטיגע "הצלה-דיוויזיע" דארט אויפ'ן אָרט – עפּעס וואס מיט דער יעצטיגער באהערדע אינעם ווילעדזש איז צום באדויערן נישטא קיין גרויסע אויסזיכטן אז דאס זאל קענען פאסירן, ווי מיר ווייסן אַלע און זיך דאָס געלערנט אויף די אייגענע ביינער.

אָבער אז מ'שטיי מיר אַצינד אין אַ תקופה וואָס מ'האָפט און מ'צילט בעז"ה אדורכצוקומען מיט א מאסיווער זיג פאר'ן היימישן ציבור ביי די בעפארשטייענדע עלעקשאנס, קומענדיגן מערץ 18 למספרם, דורכ'ן אַרויסברענגען א מעכטיגן פאַראייניגטן "וואל-כח" וואס וועט אי"ה זיגרייך אריינשטימען אונזערע אינדארסירטע קאנדידאטן, דאן וועלן די גראנדיעזע פלענער לטובת העיר זיך קענען ווירקליך און שנעל רעאליזירן בעז"ה, צום פרייד און לטובת דעם געזונט-וואוילזיין און רואיגקייט פון כל תושבי העיר הזאת.

**הצילו, בעוד מועד!**

בטוב צדיקים תעלוז קריה • בעלוץ צדיקים רבה תפארת

# התרגשות דקדושה צו די גרויסע שמחת החתונה פון נכדת כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז-זמיגראד שליט"א

## קהל הקודש וועט זיך מיטפרייען ביי די שמחת החתונה נישואי בת הדב"נ הגה"צ אב"ד טעטשט שליט"א קומענדיגן דינסטאג יתרו אין בארא פארק אין די זאלן פון עטרת חי'


שליכע שורות וואס די רבי שליט"א האט ספעציעל צוגעשריבן צום הזמנה פאר אנשי שלומינו תושבי בלומינגראוו הע"י

קול רנה וישועה באהלי צדיקים

## פייערליכע שמחת שבע ברכות וועט געפראוועט ווערן אין בידמ"ד צאנז זמיגראד בלומינגראוו קומענדיגן מוצאי שבת קודש פ' יתרו הבעל"ט




בעזהשי"ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

בשבח והודיה להשי"ת על כל החסד אשר גמלנו
הננו מתכבדים בזה להזמין את קרובינו וידידינו
לבא ולשמוח עמנו בשמחת כלולת בתינו היקרה

הכלה הבתולה המהוללה

**רחל** תחי'

עב"ג

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**משה** שיחי'

בן כבוד מחותני ש"ב הרב הגאון בנש"ק
מוה"ר יואל יהודה הלוי רובינפעלד שליט"א

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ג' לסדר "והייתם לי סגולה" (יתרו)
אור ליום י"ז שבט תש"פ לפ"ק הבעל"ט (למספ' *Feb. 11*)
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם עטרת חי'
*1415 54th Street, Brooklyn, New York*

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו
ידידכם המצפה לקבל פניכם בשמחה

**חיים מאיר גרינוואלד וב"ב**
בן אאמו"ר הרהגה"צ מוהר"ר יהודה יחיאל גרינוואלד זצללה"ה
אבד"ק טעטש
וחתן כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

בעזהשי"ת

## למזל טוב

הננו בזה לקרוא בקריאה של חיבה קרובינו וידידינו ואנ"ש
שיבואו לשמוח אתנו בשמחת נכדתי היקרה שתחי'
וזכות אבותינו הקדושים יגן עלינו
ולכל המשתתפים בשמחתינו
להתברך ברב שפע ברכה והצלחה
עם כל מיני ישועות עבגצבב"א

המחכה לביאתכם בשמחה
**הק' סיני הלברשטאם**
אבד"ק צאנז זמיגראד יע"א

בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה, חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה!




שמועס מיט'ן עושה ומעשה,
כהן שדעתו יפה, יקר העירוכין
הר"ר **מאיר הכהן גראס** הי"ו
בריח התיכון פונעם ביהמ"ד

אינפארמאטיווע שילדערונגען און דעטאלן אין און ארום דאס

# בית המדרש המפואר
# קהל יטב לב ד'סאטמאר
## ראנאוק דרייוו

בהנהלת הגה"צ רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א
**אבד"ק סאטמאר - בלומינגראוו**

פון די סאמע שענסטע און בארימסטע בתי מדרשים מפוארים בתוככי שכונת בלומינגראוו המעטירה, שטייגט געוויס ארויס דער צענטראלער סאטמארער שול, בית המדרש "קהל יטב לב ד'סאטמאר" אויף די רינאוק גאס, וואס באדינט ערליך די גאנצע ווירדזשיניע אומגעגנט און באשיינט די גאנצע שטאט בלומינגראוו מיט דעם אור התורה ועבודה וואס שפרידלט צווישן אירע ווענט מיט אזא פראכט און שיינקייט בכל ימות השנה לשם ולתפארת.

"בלומינגראוו שטימע" האט זיך פארבינדן און אפגעהאלטן אן אינפארמאטיוון שמועס מיט איינער פון די חשוב'ע מתפללי בית המדרש, ידידינו הנעלה ברוך הכשרון והמעש הר"ר מאיר הכהן גראס הי"ו, וואס שילדערט אונז א בליק פון דער נאנט אויף די פילזייטיגע רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן וואס גייט ארויס מבין כותלי בית המדרש באגלייט מיט אינטערסאנטע באמערקונגען און גרוסן פון דעם גרויסן מבצר כביר אשר משם תצא תורה ועבודה עד ביאת הגואל.

## לאמיר אויף א ווײַלע צוריקגיין און כאפן א בליק אויף די היסטאריע און געשיכטע פון דאס בית המדרש קהל יטב לב ד'סאטמאר - ראנאוק ?

די גענויע השתלשלות פון דאס אפקויפן און אויפבויען דאס בית המדרש האב איך נישט מיטגעהאלטן, דאס דארף מען פרעגן פון די געטרייע פיאנערן, די חברי הנהלה, וועלכע זענען בשעתו ארייגעשפרינגען אין דעם פראיעקט. ווען איך האב זיך אהערגעצויגן נאך שבועות שנת תשע"ז לפ"ק, איז מען שוין געווען אין "קאנטראקט" פון דאס בית המדרש אבער מען האט נאך געהאלטן אינמיטן די רענאוואציע ארבעט דאס צו גרייט מאכן פאר א מקום תורה ותפלה.

דערווייל האט דער ציבור תושבי ווירדזשיניע געהאט נאר איין בית המדרש וואו צו דאווענען, בית המדרש חכמת שלמה קאזאווע, בהנהלת הרה"ג רבי יצחק אייזיק ראטנבערג שליט"א, וואס האט פשוט נישט געקענט אקאמאדירן דעם ציבור. יענעם זומער איז יעדן שבת אינדערפרי געווען דריי באזונדערע מנינים אין קאזאווע בית המדרש, איינפאך ווייל דאס ביהמ"ד האט נישט געקענט דערשטרייטן דעם גאנצן ציבור אויף איינמאל!

די מקוה שב"ק איז אויך געווען אויף א פראוואזארישן פארנעם אין שטוב פון הר"ר ישעי' הירש הי"ו, און מען האט נויטיג ארויסגעקוקט אויף די אויפבוי פון דאס בית



אינמיטן די העפטיגע בוי ארבעט אהערצושטעלן דעם ביהמ"ד בעפאר ימים נוראים תשע"ח



ידיד נפש כל חי מוה"ר יואל אבערלענדער הי"ו, מיטן ארויסהעלפן להכשרת המקוה

המדרש אז עס זאל שוין זיין גרייט צום באנוץ.

ענדע זומער, ממש בעפאר ראש השנה איז דאס בית המדרש ערגענצט געווארן, און מען האט אין דער איילעניש אויך אנגעהויבן אויך בויען א מקוה, מיט'ן פלאן אז מען זאל באנייען דעם ביהמ"ד אויף ראש השנה. אלעס איז שוין געווען גרייט אבער ערב ראש השנה איז אנגעקומען אן אינספעקטאר פון דעם ווילעדזש און אפגעשפארט דעם בנין, וואס איז פארשטענדליך געווען א גרויסע קלאפ.

ווארשיינליך איז דאס געווען די ארבעט פון דעם דעמאלטיגן מעיאר, וועלכער האט געוואוינט אויף די גאס און האט אודאי נישט געקענט צוקוקן וויאזוי עס בויעט זיך א אידישע שול אונטער זיין נאז. אין די נאכפאלגענדע טעג האט מען פרובירט אלע השתדלות ביז מען האט ב"ה צוריק באקומען די ערלויבעניש דאס צו עפענען און טאקע דעם קומענדיגן יוה"ק, שנת תשע"ח לפ"ק, האט מען באנייט דאס ביהמ"ד וואס איז א תל תלפיות לשם ולתפארת עד היום הזה.

אין די נאכפאלגענדע וואכן און חדשים האט מען צוביסלעך אויפגעפיקסט און רענאווירט נאך חלקים פון דעם בנין, און ב"ה אז דער מקום איז פארוואנדלט געווארן אין א בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה אויף א הערליכן פארנעם.

## איש על העדה: דאס סאטמארער בית המדרש אויף ראנאוק האט די זכי' צו האבן דעם איש על העדה, דעם רב הקהלה, הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א, וועלכער איז פקיעא שמי' פאר דער גאנצער געגנט בכח תורתו והשפעתו, פארציילט אונז וויאזוי איז צושטאנד געקומען דאס התמנות פונעם רב שליט"א ?

דער רב שליט"א איז אייגנטליך נתמנה געווארן מיט'ן כתר הרבנות נאך איידער ער האט זיך אהערגעצויגן קיין בלומינגראוו, ביי א ספעציעלע מסיבת התמנות אין שטוב פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, אינאיינעם מיט די תושבי השכונה ובאי בית המדרש.

באלד אינאיינעם מיט'ן התייסדות פון דאס בית המדרש האט מען ארויסגעקוקט צו אויפנעמען א פאסיגן רב וואס זאל זיין געאייגנט צו פירן די קהלה, אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, און מען האט דאן תיכף ממנה געווען דעם רב שליט"א, וואס זאל אונז



דאס הויז ביים אפקויפן פון די באנק תשע"ז - וועלכע איז רענאווירט און פארברייטערט געווארן אלס דער יעצטיגער בנין הביהמ"ד



די ערשטע שיעור דורכ׳ רב שליט״א,
חוה״מ סוכות תשע״ח

פירן און שטיין בראש פון אלע צרכי הכלל והפרט.

דאס ערשטע מאל ווען דער רב שליט״א איז אהערגעקומען איז געווען חול המועד סוכות, ממש א וואך נאכדעם וואס דאס בית המדרש איז געעפענט געווארן. מען האט דעמאלט געפראוועט א הערליכע מסיבת שמחת בית השואבה, וואו דער רבי שליט״א האט אויפגעטרעטן מיט דברי תורה בעניני המועד, וואס איז געווען א געוואלדיגע הנאה פאר אלע אנשי שלומינו.

דעם ערשטן שב״ק נאך סוכות, פרשת נח, איז דער רב שליט״א ווידעראמאל ארויסגעקומען צום עולם דא און געפירט דעם גאנצן שב״ק, איבערהויפט א געשמאקע התאספות בליל שב״ק בשירה ובזמרה. אזוי במשך דאס קומענדיגע יאר איז ער כסדר ארויסגעקומען אויף שבתים ויומי דפגרא׳ס ביז כמעט א יאר שפעטער, בעפאר די הייליגע טעג שנת תשע״ט לפ״ק, ווען דער רב האט זיך פערמענאנט ארויסגעצויגן און זיך קובע געווען משכנו בתוכינו.

איבעריג צו זאגן אז די אנוועזנהייט פונעם רב שליט״א האט געגעבן פאר די גאנצע געגנט א נייע רוחניות׳דיגע פנים. סוף כל סוף ווען אינגעלייט ציען זיך ארויס צו א פרישע געגנט איז אלס דא א שטיקל זארג; ווער וועט פירן די עניני הכלל, וואס פארא אטמאספערע וועט דאס בית המדרש טראגן, און ווי אזוי וועט אויסקוקן די קהלה לעבן.

איינע פון די גאר וויכטיגע סאמע יסודות פון א אידישע לעבן איז געווען צו האבן א מורה הוראה מובהק אויף וואס אלע האבן ארויסגעקוקט עס זאל זיך באזעסן בתוכינו מ׳זאל קענען פראגען בדבר ה׳ זו הלכה, את המעשה אשר יעשון.

ב״ה אז אדאנק דעם רב שליט״א זענען די אלע דאגות פארשוואונדן געווארן... זייענדיג דער גברא דמרא סייעא מיט א כח התורה והעבודה האבן מיר אלע א גרויסן תועלת

**די יעצטיגע האפענונג איז אז מיט סייעתא דשמיא וועט מען בקרוב האבן א סימפאטישע און צוגענגליכע "ווילעדזש" וואס זאל זיך פשוט רעכענען מיט אונזערע מינימאלע געברויכן און אונז ערלויבן צו פונקציאנירן.**



פון אים באופן קבוע און בעיקר גיט דער רב שליט״א דעם ריכטיגן סטעמפל פאר די גאנצע ווירדזשיניע געגנט מיט אן ערנסטקייט און ערליכקייט, וואס האט זיכער א השפעה אויף די גאנצע שטאט.

דער רב שליט״א איז טאקע משפיע שיעורים תמידים כסדרן בהיכל בית מדרשינו, יעדע נאכט איז דא א קביעות׳דיגער שיעור פאר א קבוצה מקשיבי השיעור, אזוי אויך שב״ק אינדערפרי לערנט ער פאר א שיעור מתובל מיט ספרי חסידות און אין די זומער חדשים איז דא יעדן שבת מברכים א שיינער שיעור אין פרקי אבות. אויסער דעם איז כסדר דא שיעורים בהלכה אלס הכנה צו ימים טובים, שבת הגדול, בעפאר חנוכה, א.א.וו. ווען עס באטייליגט זיך א גרויסער ציבור וואס שלינגט מיט דארשט די דברי הלכה ושמעתתא.

אנומלט איז נתפרסם געווארן אז די קומענדיגע צוויי דינסטאג׳ס, אין די לעצטע צוויי וואכן פון די ימי השובבי״ם, וועט דער רב שליט״א פארלערנען שיעורים כללים בהלכות



א מסיבת סיום מסכת וחיזוק ללימוד התורה
בהיכל ביהמ״ד פארלאפענע זומער

טהרה, וואס איז טאקע אויפגענומען געווארן דורך תושבי העיר מיט אן ערווארטונג צו קענען מיטהאלטן די וויכטיגע שיעורים וואס פאדערט כסדר׳דיגע חזרה.

בכלליות איז דער רב שליט״א מפקח אויף אלע צרכי הכלל והפרט, ווי צ.ב.ש. דער עירוב דא אין די ווירדזשיניע געגנט, וואס איז אונטער זיין אויפזיכט און השגחה צו באגלייטן די משגיחי העירוב, און אזוי ווייטער מערערע וויכטיגע אנגעלעגנהייטן אין דער געגנט וואו ער איז עומד בראש מיט אן אחריות וכובד ראש.

גאנץ לעצטנס טוט דער רב טאקע באגלייטן - אינאיינעם מיט די אנדערע רבני העיר שליט״א - די פעולות פון דעם "יו. דזשעי. סי" קאמיטע לטובת הציבור, וואו יעדע שריט ווערט דורכגעטון מיט אן ערנסטקייט און א התייעצות צו ברענגען דעם תכלית הנרצה בעז״ה.

פארשטענדליך אז דער רב שליט״א זיצט אויך אין "בית הוראה" צו ענטפערן שאלות לידע את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, און איז בעצם שטארק איבערגעגעבן פאר די מתפללי בית המדרש, יעדער ווייסט אז מען קען זיך שטענדיג דורכרעדן און מען האט ביי אים אן אפענע אויער מיט די ריכטיגע עצה ותושי׳ און מיט א געוואלדיגע געטריישאפט צו יעדע געלעגנהייט.

### וויאזוי וואלט איר געשילדערט די רוחניות׳דיגע ניווא פון דאס בית המדרש ?

דאס בית המדרש איז באמת אן אבן שואבת און א הערליכע צענטער פאר דער גאנצער שפרודלדיגער ווירדזשיניע געגנט דורכאויס די גאנצע וואך און איבערהויפט שב״ק. במשך די וואך איז דא יעדן טאג מנינים שחרית מנחה מעריב און ווידעראום שב״ק איז דאס בית המדרש מלא וגדוש מיט מתפללים חשובים פון די גאנצע ארומיגע שכינות, וואס זוכן אַן ערנסטע און חסידי״שע דאווענען מיט א



**א מחזה הוד וועכנטליך יעדן מוצ"ש ביי די אבות ובנים**

געשמאק.

זאל טאקע דערמאנט ווערן די נאבעלע איינפיר וואס רוב מנין ורוב בנין פון מתפללי בית מדרשינו האבן זיך אונטערגענומען אין די ראמען פון א גרויסן קאמפיין פאראיאר, נעמליך א קבלה טובה נישט צו רעדן בשעת התפלה ובשעת קריאת התורה, פון אנהויב דאוועגען ביז נאך עלינו, וואס ווערט טאקע שיין איינגעהאלטן לשם ולתהלה.

אין בית המדרש פונקציאנירט א הערליכע סדר פון "אבות ובנים" מוצש"ק אין די ווינטער חדשים, און שב"ק נאכמיטאג אין די זומער חדשים, וואס ווערט געפירט לשם ולתהלה דורך האברך היקר הר"ר שלמה יודא ווייס הי"ו. אזוי אויך איז דא יעדן שב"ק א געשמאקע "חברת תהלים" פאר די תינוקות של בית רבן וואס ווערט אנגעפירט מיט א געוואלדיגע פרישקייט און געשמאק דורך האברך היקר ידיד נפש כל חי רבי יואל אבערלענדער הי"ו, און דאס זעלבע ביי סעודת של"ש נעמט האברך היקר הר"ר אליעזר אפפעל הי"ו צונויף אלע קינדער צו זינגען אינאיינעם און הערן שיינע ענינים, אזוי ארום אז דאס ביהמ"ד איז א פולקאם צוגעשטעלט מיט אלע צוגעהערן און באדערפענישן, ווי עס פאסט פאר א ריכטיגע "סאטמארער בית המדרש".

## וכמעשהו בתפלה כך מעשהו בתורה.

מען קען רואיג זאגן אז אונזער ביהמ"ד אויף רינאוק איז פון די שענסטע שולן אין דעם הינזיכט פון קביעות עתים לתורה אין די גאנצע געגנט. דאס איז בעיקר קענטיג אין די פארטאגס און צופרי שטונדן ווען עס דינערט א קול תורה פון מערערע חברותות און דאס זעלבע יעדע נאכט איז דאס בית המדרש פול מיט לומדי תורה וואס איז א מחזה מרהיב כל עין.

מטעם די געטרייע גבאי והנהלת הבית המדרש העלפט מען באגלייטן אינגעלייט מיט פאסיגע חברותות און שיעורים און ס'איז נישט קיין גוזמא צו באטאנען אז כמעט יעדער אינגערמאן, ממתפללי בית מדרשינו, האט א קביעות'דיגע חברותא אדער שיעור יעדן טאג, צופרי אדער ביינאכט, און דאס איז טאקע אונזער שטאלץ און פראכט.

אזוי אויך איז דא אין בית המדרש דא צו באקומען די חודש'ליכע בחינות פאר חבורת "יסודי התורה", וואס איז א געוואלדיגע תועלת אז מען זאל נישט דארפן ארייגפארן קיין קרית יואל פאר יעדע בחינה.

## הערליך שיין צו הערן אזעלכע גריסן! איז פארהאן אקטיווע פלענער אויפ'ן עתיד צו פארברייטערן דעם משכן ה' ווי עס פאסט פאר אזא סאטמארער צענטער ?

פלענער איז שוין געווען אסאך. אבער צום באדויערן איז דאס בית המדרש נאך קיינמאל נישט געהעריג פארענדיגט געווארן בלויז צוליב די פיינטליכע באנעמונג פון די באהערדע וועלכע טוען אלעס אויף דער וועלט צו שטערן און לייגן פיסלעך.

ווען מען האט פלאנירט צו אנהויבן ארויסבויען די מקוה, ווי נאר מען האט אנגעהויבן גראבן האבן זיי אפגעשטעלט די ארבעט. דאס זעלבע ווען מען האט געוואלט אויספלאסטערן א באקוועמע 'פארקינג לאט' איז דאס אפגעשטעלט געווארן. און



**דער רב שליט"א ביים איבערגיין די פלענער פון הרחבת גבולי הקדושה אינאיינעם מיט כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א ווינטער תשע"ט**

גלייכצייטיג איז מען פארוויקלט מיט בייזוויליגע ווייעלעישענס און געריכט סעסיעס וואס איז ארויפגעצווינגען געווארן דורך די ווילעזש באאמטע מיט'ן קלארן ציל צו אפשטעלן דעם וואוקס פון אידן אין דער געגנט, היל"ת.

די יעצטיגע האפענונג איז אז מיט סייעתא דשמיא וועט מען בקרוב האבן א סימפאטישע און צוגענגליכע "ווילעדזש" וואס זאל זיך פשוט רעכענען מיט אונזערע מינימאלע געברויכן און אונז ערלויבן צו פונקציאנירן. ווען דאס וועט צושטאנד קומען איז שוין דא אויפ'ן טיש הערליכע פלענער צו אויפבויען א פרעכטיגן און מייעסטעטישן בית המדרש מפואר אויף דעם גאנצן שטח וואו עס איז יעצט דער פארקינג לאט, וואס וועט בעז"ה זיין א פראכט פאר די גאנצע שטאט, א כלולת מגדלים נאים ברוב פאר והדר לתפארת קהלתינו הק'.

לויט'ן פלאן וועט מען שטאפלווייז צענעמען דעם עקזיסטירנדער פארעלטערטן בנין און אויף דעם שטח וועט געגאסן ווערן א רחבות'דיגער פארקינג לאט, פארנט פון דעם נייעם בנין החדש. אזוי וועט דער גאנצער מקום ווערן פונדאסנאי אויסגעשטעלט מיט א באקוועמליכקייט און א פראקטישקייט אלס א צענטער פון תורה ותפלה עד ביאת הגואל.

דאס הארץ פריידט זיך שוין בלויז צו הערן אזעלכע פלענער! און עס גיט א גוטן געפיל אז אין דער נאנטער צוקונפט וועט בלומינגראוו קענען שטאלצירן מיט אירע שיינע גרויסע בתי מדרשים, פונקט ווי אלע גרויסע אידישע געגנטער, וויאזוי וועט אבער די פאנדן פאר אזא פראיעקט צושטאנד קומען ?

ס'איז זיכער אז אָן געלט איז גארנישט דא, אבער ס'איז אויך זיכער אז דאס ווארימקייט ביים ציבור מתפללי בית המדרש און תושבי השכונה איז זייער גרויס. דער היזיגער ציבור - וואס האט זיך ארויסגעצויגן קיין בלומינגראוו - איז טאקע נישט פון די 'עליטע' סארט... מען ארבעט שווער על המחי' ועל הכלכלה יעדער האט א געפיל פאר דאס פלאץ און מיט די הילף פון אלעמען וועט מען בעז"ה דערגרייכן דעם געוואונטשענעם ציל לפאר ולרומם בית אלקינו.

הערנדיג אזעלכע פאזיטיווע און פריידיגע פלענער בלייבט בלויז איבער צו ווינטשן און בענטשן, בשם אלע איינוואוינער, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו ומעשי ידינו כוננה עלינו! מען זאל טאקע גאר בקרוב קענען מאכן די אזוי - ערווארטעטע בוי - פארשריט לשמחת לב כל תושבי העיר אמן!

מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת

2

## אין אַן אויספירלי'כע און אפנהארציגע שמועס

# הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א

## אב"ד קארי'ץ

## איבער דעם פארצווייגטן און נאבעלן אונטערנעמונג פון אויפשטעלן און באגלייטן דעם "עירוב המהודר" בתוככי עירנו המעטירה תחת השגחת הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א

### וועלכע געגנט ווערט למעשה 'געדעקט' מיט דעם עירוב וואס איז אויפגעשטעלט געווארן פאראיאר?

ווי ערוועגט, איז דער עירוב געמאכט געווארן פאר די גאנצע "ווארלי הייטס" געגנט, וואס רעכנט אריין פון מאונטען רד. ביז מענגעין רד. מיט'ן אויסנאם פון עטליכע ספעציפישע ערטער וואו די עלעקטערישע דראטן נעמען נישט ארום די גאסן.

מען האט טאקע געלאזט דרוקן אזעלכע ספעציעלע גרינע קארטלעך וואס איז פראמינענט אויסגעהאנגען אויף די אלע אנגעצייכנטע שטחים וואס איז נישט אונטער דעם עירוב, צו אויפמערקזאם מאכן דעם ציבור נישט צו טראגן דארט, בלויז אויב מען פארלאזט זיך אויף א פריוואטן עירוב.

די 'ווירדזשיניע' געגנט איז נישט אריינגערעכנט אין אונזער עירוב, ווייל זיי האבן שוין א צייט בעפאר געמאכט אן אייגענעם לאקאלן עירוב. אבער אדאנק דעם עירוב פון "ווארלי הייטס" איז אצינד ערמעגליכט געווארן צו טראגן לעגנאויסביידע געגנטער, ווייל די עירובין טרעפן זיך פאראלעל אויף די "מענגעין" גאס און עס ווערט איין גרויסע עירוב פאר די גאנצע שטאט.

מען האט דעריבער ספעציעל אויסגעארבעט ביי דעם "זיכוי הפת" אז מיר מאכן דאס "על תנאי", נעמליך אויב די ווירדזשיניע עירוב איז כשר דאן זענען מיר מזכה דעם "פת" אויך פאר זיי, און אויב עס מאכט זיך א שאלה אויף יענעם עירוב איז מען מזכה דעם "פת" פאר אונזער געגנט, אזוי ארום איז מען שטענדיג אויסגעהאלטן בהלכה אויפ'ן בעסטן אופן.

אויך לגבי דעם "קנין רשות", וואס פארלאנגט זיך לויט די הלכה צו אפקויפן דעם רשות פון די פובליק פלעצער, האט מען געטון אויפ'ן זעלבן אופן ווי דער 'ווירדזשיניע' עירוב, וועלכע האבן בשעתו געמאכט א קנין רשות מיט'ן בילדונג אינספעקטאר פון בלומינגראוו און אזוי האבן מיר אויך געטון עפ"י הדרכתו פון הרב שטיינמעץ שליט"א.

### וויפיל ארבעט און צייט גייט אריין צו אויפהאלטן און באגלייטן דעם עירוב בקביעות?

דאס איז א גוטע פראגע, ווייל צומאל קען זיך דוכטן אז אַן עירוב איז ווי אַן איינמאליגע אונטערנעמונג וואס קאסט טאקע אסאך געלט און צייט בשעת מען שטעלט עס אויף, אבער איינמאל דער עירוב איז שוין 'קאי וקיים' לויפט עס שוין אזוי פון זיך אליינס...

דאס איז אבער זייער ווייט פון ריכטיג. עס לאזט זיך נישט זאגן וויפיל ארבעט און אחריות עס גייט אריין בקביעות צו פארזיכערן אז תושבי העיר זאלן טאקע קענען געניסן פון א מהודר'דיגן כשר'ן עירוב מדי שבת בשבתו.

צום אלעם ערשט איז דאס אַן אנגייענדע הוצאה וואס קאסט אפ אסאך געלט, סיי די חודש'ליכע 'טשארדזשעס' פון די עלעקטעריק פירמע וואס לאזט זיך באצאלן פאר'ן זיך באנוצן מיט זייערע 'פאולס', סיי די יערליכע אינשורענס פאר די קאמפעני, און סיי די כסדר'דיגע תיקונים און 'מעינטענעס' וואס פאדערט זיך פאר די כשרות העירוב.



עוסק בתיקון עירובין...

עס מאכט זיך כסדר אז די 'או. ענד אר.' עלעקטעריק פירמע טוישט אדער רידערט ארום ביי זייערע עלעקטעריק פאולס, וואס דאס קען באדייטן אז ס'איז מער נישט דא קיין לחי דארט.

פון זייער זייט, האבן זיי זיך קלאר אויסגענומען אין די "אגרימענט" וואס מיר האבן אונטערגעשריבן, אז זיי דארפן אונז נישט מודיע זיין ווען זיי טון סיי וואס מיט די פאולס, דעריבער איז עס טאקע א געוואלדיגע אחריות און מען דארף האלטן א וואכזאם אויג צו זיכער מאכן אז דער עירוב ווערט נישט חלילה געשעדיגט.

דער בעל מכשיר, הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, האט דערפאר ממנה געווען עטליכע חשוב'ע מפקחים, וועלכע פארן ארום יעדע וואך דעם גאנצן שטח העירוב און מען באטראכט מיט אן עין בוחנת יעדע 'עלעקטעריק פאול' באזונדער צו זיכער מאכן אז אלעס איז כדת וכהלכה.

דאס איז א שטארק אחריות'דיגע ארבעט וואס ווערט געטון יעדע איינציגע וואך אָן קיין אויסנאם מיט א געוואלדיגע כובד ראש. און סיי ווען עס מאכט זיך דאס מינדסטע פראבלעם איז מען באלד גרייט דאס צו פאררעכטן ווי אמשנעלסטן, לפי הוראות הבעל מכשיר שליט"א.

בלויז אלס א ביישפיל אויף וואס מען דארף אלס שטיין על המשמר: לעצטנס האט די "או. ענד אר." פירמע אנגעהויבן ארויפלייגן אויף די עלטערע 'פאולס' אזא שטיקל אייזן מיט 'סטרעפס' ארום צו פארשטערקערן די שטאנגען.

עס האט זיך שוין געמאכט אז ווען זיי לייגן דאס ארויף האבן זיי אויך אראפגענומען דעם 'לחי' פון דעם 'פאול'. דער וועד העירוב איז טאקע שטענדיג "אויף אלערט" און מען באוואכט די ארבעט אז עס זאל נישט זיין קיין פראבלעם פאר'ן עירוב. אין די לעצטע וואכן האבן זיי געארבעט אויף מענגעין רד. אבער דערווייל האבן זיי נישט גערירט קיין איין 'לחי'. ביי אנדערע ערטער האט מען יא געמוזט לייגן א נייעם לחי.

און דא קומט נאכאמאל אריין די געוואלדיגע תועלת אז אונזער עירוב איז אונטער א לאקאלע קערפערשאפט, וואס אזוי ארום קען מען גלייך רעאגירן סיי ווען עס מאכט זיך א פראבלעם, און מען איז נישט אנגעוויזן אויף קיין צענטראלע אפיסעס וואו זאכן שלעפט זיך.

פארשטייט זיך אז מען טוט קיינמאל גארנישט אויף דער אייגענער האנט. אלעס ווערט געטון אונטער די שטרענגע הדרכה והוראה פון דעם בעל מכשיר שליט"א וואס באגלייט יעדע טריט און שריט און שיקט אויך מזמן לזמן בנו הרה"ג רבי חיים מאיר שליט"א צו זיכער מאכן אז אלעס ווערט טאקע דורכגעפירט הונדערט פראצענט לויט זיינע הוראות און צו מדריך זיין די מפקחים מיט אלע נויטיגע הלכה'דיגע און מציאות'דיגע איינצלהייטן.

# קורצע איינדריקן פון הרב ראובן נחום לעווין נ"י

## וועלכער איז געווען פון די ערשטע עסקנים פאר'ן עירוב אין "בלומינגראוו"

**א גוט יאר הרב ראובן נחום, זייענדיג פון די בונים ומקימים פון דעם עירוב, וואס איז אייער בליק אויף די שיינע הצלחה ביז אהער און אויף די געפלאנטע הרחבת הגבולים בעתיד?**

בעצם האט דער קאריצער רב שליט"א שוין אלעס זייער שיין אויסגעשמועסט, ס'איז נישטא אסאך וואס מוסיף צו זיין. איך וואלט נאר געוואלט צולייגן א וויכטיגע נקודה אז מיר האבן בעז"ה מסדר געווען א ספעציעלן סיסטעם צו באקומען די נאטיפיקאציעס און מעלדונגען איבער די כשרות העירוב יעדן ערב שב"ק, כדי צו זיין זיכער און רואיג אז מען קען טראגן אום שב"ק.

מען קען אריינרופן יעדע וואך עש"ק צו דעם עירוב טעלעפאן ליניע אויפן ספעציעלן האטליין 845-210-5777 צו הערן דעם סטאטוס פון דעם עירוב. און באזונדער קען מען זיך אויפסיינען אויף דעם סיסטעם דורך שיקן א טעקסט מיט דאס ווארט Eruv צו דעם אויבנדערמאנטן עירוב און מען וועט ערהאלטן יעדע וואך א טעקסט מעסעזש מיט דעם כשרות העירוב.

איבערהויפט אז בקרוב וועט דער עירוב אויסגעברייטערט ווערן איז זיכער כדאי פאר יעדן תושב העיר צו זיך אויפסיינען אויף דעם נומער וואס איז א שטארקע זהירות און הידור פאר שמירת שב"ק.

**האט איר מיטגעהאלטן זינט דאס התייסדות העירוב עפעס ספעציעלע פראבלעמען וואס זענען אונטערגעקומען און האבן געדארפט פאררעכטן ווערן?**

איך וועל אייך פארציילן א זאך. מיט א צייט צוריק האט הרה"ג רבי מאיר שליט"א גערעדט מיט'ן רב המכשיר, הגאון רבי יחיאל שליט"א, און ער האט אזוי בתוך הדברים געזאגט אז ס'איז אים אינטערסאנט אז דער עירוב שטייט שוין אסאך חדשים און דערווייל האט מען ב"ה נישט געהאט קיין שום פראבלעמען. אזוי האט ער אים געזאגט בדרך אגב. למעשה אבער, בלויז א טאג נאך דעם שמועס האט מען געטראפן א פראבלעם וואס מען האט באלד געדארפט פאררעכטן... זעהט אויס אז עס איז בעסער אז מען רעדט נישט...

אזויפיל קען איך אייך מעיד זיין אז דער עירוב ווערט באגלייט מיט א שטרענגע פיקוח און השגחה וואך איין וואך אויס, אין די רעגן און שניי, און די היצן און קעלט, און בחסדי השי"ת קען מען צושטעלן א כשר'ן מהודר'דיגן עירוב בלי שום עקולי ופשורי כלל, השי"ת זאל העלפן אויף ווייטער.

ס'איז באמת צום באוואונדערן וויאזוי דער קאריצער רב שליט"א האלט אויס דעם גאנצן פראיעקט אויף זיינע פלייצעס. טראץ דעם וואס דאס קאסט אפ ממון ודמים, אלעס כדי צו מזכה זיין אידן מיט א כשר'ן עירוב. דאס זעלבע איז ער שטענדיג עוסק מיט א געטריישאפט אין יעדן ענין וואס פאדערט זיך למען העירוב. איך געדענק אז יענעם ערש"ק ווען דער עירוב איז ב"ה פארענדיגט געווארן גרייט צום באנוץ איז דער קאריצער רב פשוט נישט געווען ביי זיך אין שטוב פאר אריבער 24 שעה! זייענדיג פארנומען אויף די גאסן אזויפיל צענדליגער שעות צו פארזיכערן אז יעדע דעטאל קלאפט טאקע על צד היותר טוב. ס'איז זיכער אז דער זכות פון שב"ק וועט אים מטיב זיין און אזוי אויך אלע אנדערע חשוב'ע עסקנים און עוזרים ומסייעים וואס האבן א חלק אין די מצוה נשגבה. והשומר שבת הבן עם בת לקל ירצה כמנחה על מחבת.

אמן און א יישר כח!

**ס'איז באמת אינספירירנד צו הערן די געטרייע ארבעט וואס גייט אריין אויף א וועכנטליכן פארנעם צו אהערשטעלן אזא מהודר'דיגן עירוב פאר תושבי השכונה.**

**אצינד הערט מען אז דער "עירוב" וועט בעז"ה אויסגעברייטערט און פארדאפלט ווערן אויך צו די "לעיק שאור" געגנט?**

יא ב"ה. אז מען שטייט שוין אט פאר די הרחבת גבולי העירוב אויך צו די אנדערע זייט בלומינגראוו, וואס וועט זיכער ברענגען אויך דארט די אלע ברכות וואס אן עירוב איז משפיע און וועט אריינברענגען אן עונג שבת ביי די צענדליגער משפחות וועלכע וואוינען דארט.

באמת האט מען לכתחלה, ווען מען האט געמאכט דעם עירוב צום ערשטן מאל, שוין געקלערט זייער ערנסט פון אריינגעמען אויך דעם "לעיק שאור" געגנט אין דעם עירוב. אבער דעמאלט האט מען זיך אנגעשטויסן אין פארשידענע מניעות צוליב גוי'אישע שכינים וואס האבן געמאכט פראבלעמען. בנוסף דערצו איז דעמאלט געווען אסאך ווייניגער משפחות אין "לעיק שאור" ווי היינט, דעריבער האט מען דאס צוערשט אפגעשטיפט.

אבער ב"ה אז דער ציבור איז געוואקסן, "לעיק שאור" איז היינט צוטאגס א הערליכע בליענדע ישוב מיט נאנט צו 50 משפחות בליעה"ר, און די אידן דארפן האבן א כשר'ן עירוב. דערצו איז געווען א געוויסע הויז ביי א 'דעד- ענד' וואו מען האט געוואלט פארמאכן מיט א צורת הפתח, אבער דער גוי'אישער אייגנטומער האט זיך נישט געוואלט צושטעלן, אבער ממש לעצטנס איז דאס הויז אריין אין קאנטראקט מיט א אידישער אייגנטומער. דעריבער האט מען זיך ארויפגעכאפט אויף די מציאה און טאקע אנגעהויבן פעסט מיט די צוגרייטונגען צו אויפשטעלן דעם עירוב בסייעתא דשמיא.

**וויאזוי וועלן לויפן די מחיצות פון דעם עירוב אין "לעיק שאור"?**

פון איין זייט זענען דאך דא די עלעקטעריק שטאנגען אויפ'ן זעלבן אופן ווי דער עירוב אין "ווארלי הייטס", און ווידעראום די אנדערע זייט "לעיק שאור" וועט מען זיך באנוצן מיט דעם "תל המתלקט" וואס נעמט ארום כמעט די גאנצע געגנט.

די הלכה איז אז א גרויסע בארג ארויף אדער בארג אראפ איז א "תל המתלקט" און עס ווערט גערעכנט ווי א כשר'ע מחיצה פאר אן עירוב. פארשטענדליך אז ס'איז דא דערביי געווי הלכות ווי שיעף און הויעך דער בארג דארף זיין. דעריבער איז טאקע הרב ר' חיים מאיר בן הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א ספעציעל אראפגעקומען דאהי מיט עטליכע וואכן צוריק, צו מעסטן פונקטליך די הויעך און שיעפקייט פון דעם בארג אז עס זאל


### אינעם קומענדיגן 'שטימע' אויסגאבע...



**דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פארטרעטער**

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, ידיד נפש כל חי
מוה"ר **הערשל לעווי** הי"ו
אקטיווער און געטרייער באורד מעמבער אין "יו.דזשעי. סי."
און ערפארענער "הצלה" מעמבער מתושבי עירינו




זיין כשר לכל הדעות.

מען איז אריבערגעקראכן מיט א מעסטער דעם גאנצן בארג, וואס איז געווען א שפיל פון עטליכע שעות שווערע ארבעט, צו זעהן געני׳ דעם גאנצן בילד פון דאס בארג. אויף עטליכע ערטער וועט מען טאקע מוזן אביסל פארערגצן אדער אראפגראבן אז עס זאל זיין אן אויסגעהאלטענע מחיצה, וואס דאס וועט אי"ה געטון ווערן אין די נאנטע טעג, מיט דער האפענונג צו פארענדיגן דעם עירוב ווי אמשנעלסטן.

## און אצינד צו די זעלבסט פארשטענדליכע פראגע; וויאזוי ווערט פינאנצירט דער נייער עירוב, ומהיכן ירק זה חי?

איר זעט ? דאס איז א טאקע א גוטע פראגע... אבער דער ענטפער איז אויך ב"ה צופרידנשטעלנד. דער וועד העירוב איז ב"ה געגוג אנגעלייגט מיט הוצאות, סיי פון דאס אויפשטעלן דעם עירוב און סיי פון דאס באגלייטן וועכנטליך, אבער דא זענען אריינגעקומען עטליכע טייערע תושבי שכונת "לעיק שאור" וועלכע האבן זיך אנגעגארטלט און שטעלן צוזאם די נויטיגע סכומים וואס פאדערט זיך צו מנצח זיין על המלאכה.

מען רעדט דא פון א סומע פון קרוב צו 10 טויזנט דאללער, וואס א גרויס חלק דערפון איז שוין טאקע צוזאמגעשטעלט געווארן דורך די תושבי השכונה וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן מיט א ברייטהארציגקייט פאר דעם וויכטיגן צוועק, און אצינד איז מען טאקע מסיק צו אויפטרייבן די איבעריגע סכומים אז מען זאל שוין קענען דורכפירן דעם פראיעקט בעוד מועד.

מען האפט אז אויב אלעס וועט גיין כשורה וועט מען שוין אויפ׳ן קומענדיגן יום טוב פסח הבעל"ט קענען באנייען דעם עירוב המהודר אין "לעיק שאור" לשמחת לב תושבי השכונה. פארשטענדליך אז דאס איז אלעס תלוי אויב עס וועט זיין דאס געלט דאס צו פינאנצירן און אזוי אויך דארף די וועטער זיין געאייגנט עס צו ערלויבן, מען זאל נישט ווערן געשטערט פון גרויסע שנייען און גליטשן, וחפץ ה׳ בידינו יצליח.

איינמאל דער עירוב וועט בעז"ה אויפגעשטעלט ווערן, וועט דאס ווערן ווי א טייל פון דעם ביז יעצטיגן עירוב, מיט דעם זעלבן זיכוי הפת, באגלייט אונטער די זעלבע השגחה און די זעלבע משגיחים וואס וועלן דאס בודק זיין מדי שבוע בשבוע. און אויף דעם זעלבן מהלך וויאזוי הגאון רבי יחיאל שטיינמעטץ שליט"א באפאסט זיך מיט אלע עירובין אין אידישע געגנטער תחת השגחתו.

לויט די פלענער וועט זיין באשטימט פלעצער וואו מען וועט אפילו קענען אריבערטראגן דורך דעם 208 פון איין זייט בלומינגראוו צו דער אנדערער זייט. נישט פון אלע גאסן וועט מען קענען, אבער עס וועט זיין עטליכע פלעצער וואס וועט באזונדער אנגעצייכנט ווערן, אז דארט ווערט ארומגענומען דורך דעם עירוב און ס׳איז מותר בהוצאה.

> **לאמיר טאקע האפן אז בקרוב זאל מען שוין הערן די גוטע בשורה פון "לעיק שאור" און דערוויייל ווילן מיר טאקע וואונטשן פאר׳ן קאריצער רב שליט"א און די אנדערע עסקני העירוב צו זעהן ברכה והצלחה אין די הייליגע אונטערנעמונג.**

אמן!

אויב מען קען נאך צולייגן צום שלוס איז כדאי צו אנמערקן אז עס איז ווירקליך פיל גרינגער און געשמאקער צו טון לטובת הציבור ווען ס׳איז ב"ה פאראן אזא ווארימקייט און ברודערליכקייט צווישן תושבי העיר. אין אזא געגנט ווי ׳בלומינגראוו׳ וואו יעדער לעבט מיט א שלום ואחדות איז אסאך גרינגער צו אויפטון דאס ריכטיגע. השי"ת זאל אודאי העלפן ווייטער.

א דבר נחמד האב איך געהערט פון הגה"צ דער ראדאוויצער רב שליט"א בשעת מיר האבן אויפגעשטעלט דעם עירוב, האט ער דעמאלט געזאגט א שיינעם טעם פארוואס מען זעהט אפט אז ווען מען מאכט אן עירוב ווערן די גוים צעשפילט און דערלאזן דאס נישט, דאס איז וויבאלד אן עירוב מאכט דאך די גאנצע געגנט פאר א ׳רשות היחיד׳, וואס כידוע פון ספרי קודש איז דאס מרמז אויף א העכערן ענין צו אריינברענגען די "רשות הרבים" אין דעם כח הקדושה. דעריבער ווען דער גוי הייבט אן שפירן אז ער איז אין א ׳רשות היחיד׳ אינאיינעם מיט׳ן איד, שטעקט אים דאס און ער דאס פאר יעדן פריי פארמיידן...

נו, איז דאך זיכער מדה טובה מרובה אז ווען מען איז יא זוכה צו אויפשטעלן און אנהאלטן אן עירוב אויף אונזער געגנט איז דאס מחזק דעם רשות היחיד, דעם כח הקדושה, צו משפיע זיין פאר אונז אלע א שפע קודש און ברכת שב"ק, א נחלה בלי מצרים, מנוחת שלום ושלוה השקט ובטח מנוחה שלמה שאתה רוצה בה, לנו ולכל בית ישראל אמן.


מחיל אל חיל

# דער מהודר׳דיגער רמב"ם עירוב

שומרי מצותיה ינחלו ליום שכולו שבת בצבאותיה:



*ליינט מיט שפאנונג קומענדיגע וואך*

רייכע אפהאנדלונג, איבער די פארצווייגטע אונטערנעמונג דורך חשוב׳ע עסקנים און רבני העיר שליט"א צו אינסטאלירן א עירוב מיט פולע מחיצות

עבודה קשה שבמקדש מיט געוואלדיגע כוחות בגוף ובממון, ברענגט גאר שטארקע הידור בתיקון עירובין אין די שטאט, לשמחת לב כל העיר

שמחים לשמרו ולערב עירובו



# אונזער ווידיע

פאַר אַ בעסערן עתיד אין אונזער שטאָט בלומינגראָוו

## די פּאָזיטיווע אַגענדע פון פאַראייניגטע בלומינגראָווער איינוואוינער

אויף וואָס מיר קוקן אַרויס צו אַרבעטן מיט אַ נייע סימפּאַטישע ווילעזש אַדמיניסטראַציע

# ריינע וואַסערן

ווי פאָריגע וואָך געשריבן, וועלן מיר ווידמען דעם "אונזער וויזיע" קאָלום אויף ברייטער אויסצושמועסן און מער בפּרטיות זיך קאָנצעטרירן איבער די מערסט-וויכטיגע טעמעס וואָס זענען נוגע תושבי בלומינגראָוו, וואָס אויף דער "פּלאַטפּאָרמע", פון אַרבעטן און דערגרייכן קאָנקרעטע רעזולטאַטן, וועלן מיר אי"ה אַלע אינאיינעם לאָזן הערן אונזער מעכטיגע פאַראייניגטע "שטימע" ביי די בעפּאָרשטייענדע וואַלן.

אַצינד וועלן מיר אין היינטיגן נומער באַהאַנדלען אַ הויפּט-טעמע, אויף ענגליש רופּט זיך דאָס אַ "קוואליטי אוו לייף אישו", אין אידיש עפּעס וואָס שטערט די קוואַליטעט פון לעבן, נעמליך, די אישו פון: ריינע וואַסער.

## אין די באר ואין די עולה: נישטאָ קיין ריינע וואַסער!

ווי יעדער איינוואוינער דאָ אין שטאָט ווייסט, ווערט מען דאָ אין אונזערע ווילעדזש-גרעניצן נאָכאָנאַנד געפּלאָגט פון אַ כראָנישן פּראָבלעם: די לאָקאַלע וואַסער איז אומריין.

און דאָס איז נישט עפּעס וואָס מ'ברויך האָבן דערצו האַרוואַרד-גראַדואירטע סייענטיסטן דאָס צו באַשטעטיגן דורך קאָמפּליצירטע לעב-טעסטס...

איר דאַרפט נישט מער ווי עפּענען דעם קראַן, זיך אָנגיסן אַ גלאָז וואַסער, און דאָס אַפּעטיט וועט אייך פאַרגיין. בעסער געזאָגט: אייער דאָרשט וועט פאַרשוואונדן ווערן...

ס'איז יענץ געלעכטער, ווען דאָס וואַסער וואָלט נישט געווען אונזער'ס...

אָבער ווי מיר וואוינען דאָ אין שטאָט, און אַז דאָס וואַסער וואָס קומט פון די קראַנען און וואַנעס איז ברוינליך און שמוציג, רופט דאָס אַרויס ביי יעדן איינעם אַ פרוסטורירונג און אומצופרידנהייט.

בלומינגראָווער באַלעבוסטעס ווייסן אַז מ'קען נישט ניצן דאָס וואַסער צום קאָכן, און צו דאַרפן צוקומען יעדע מינוט צו געבאָטלטע ספּרינג-וואַסער כדי אָפּצוקאָכן אַ זופּ איז אַן אָפּקומעניש; אָפּגערעדט פון א באדייטנדע אומזיסטיגע געלט-הוצאה.

אפילו די וואס האבן אינסטאלירט פילטערס זענען אָבער אויך נישט געענצליך באַפרייט פון דעם מכת המים. ווייל צום אַלעם ערשטן דאַרף מען עס בייטן יעדן חודש, דערנאָך קאָסט עס טייער געלט, און הערשט באַווייזט דאָס נישט אַלעמאָל געענצליך אויסצוזויבערן דאָס וואַסער. ואחרי ככלות הכל איז דאָס אַרויספליסנדע וואַסער אומהיימליך און נישט געשמאַק צום באַנוץ און געוויס נישט געאייגענט צום טרונקען.

יעצט, זאָלט איר נישט מיינען אַז דאָס איז בלויז אַ "היימישער" פּראָבלעם, ווייל מיר זענען דאָך בני מלכים און מיר גלייכן אַלעס פון שענסטן און בעסטן...

ניין, אויך די אלגעמיינע באפעלקערונג באקלאגט זיך שטארק דערויף. מערערע מאל איז שוין די אישו אויפגעברענגט געוואָרן ביי לאקאלע ווילעזש מיטינגען. טייל פון די היגע נישט-אידישע איינוואוינער האבן שוין אפילו גערודערט איבער דעם אויף דער מידיאַ. אבער די לויזע ווירטשאפט אין ווילעזש האט זיך ביז לעצטענס כמעט ווי נישט געקימערט דערויף.

נאָר וואָס דען? ביי אונזער היימישן ציבור, מיט די קינדער-געבענטשטע פאַמיליעס, וואו ס'לעבט זיך און ס'שפּרודעלט מיט ברייטע ווירטשאַפטן, די מאַמעס קאָכן און באַקן, די קינדערלעך ווילן נאָכאַנאַנד טרונקען און מאַמעס גלייכן אַז די קינדער ניצן טאַקע בלויז דאָס געזונטסטע און לויטערסטע געטראַנק וואָס ס'נאָר פאַרהאַנען "וואַסער", און אַז ס'קומט "אַזעלכע וואַסער" שטערט דאָס די טעגליכע ווירטשאַפט און ס'מאַכט טעגליך אומבא'טעמ'ט.

ס'גייט נאָך ווייטער ווי בלויז טרונקען און די אומהיימליכקייט ביים באָדן די קינדער אא"וו, וואָס דאָרט קען מען שוין נישט באַניצן די אפּציעס פון געבאָטלטע וואַסער און

נישטאַמאָל די פילטערס. נאָר איינוואוינערס רעדן זיך אָפּ אַז ס'מאכט זיי חרוב די קאונטער-טאַפּס; ס'רייניגט נישט גוט די געשיר; ס'לייגט צוגרינד די וואש מאשינען און ס'רואינירט די וועש. אַלעס ווערט שמוציג און ראָסטיג.

אַזוי אַרום, אַנשטאָט אַז דאָס וואַסער זאָל דינען די ריכטיגע אויפגאַבע פון רייניגן און זויבערן, ברענגט דאָס גאָר אָן אַ פּלאָגעניש פון אומריינקייט מיט וואָס מ'דאַרף זיך נאָכאַנאַנד ספּראַווען. און זעלבסט פאַרשטענדליך אַז ניצן גרעיפ-זשוס אַנשטאָט פאַר די אַלע פונקציעס איז קיין אָפּציע...

## וואָס איז דער שורש פונעם פּראָבלעם

יעצט, לאָמיר אַביסעלע טיפער אַריינבליקן אינעם שורש פונעם פּראָבלעם.

דאָס איז אַמאָל קלאָר, אַז די ווילעדזש גיסט נישט דאָ אַריין ספּעציעלע קעמיקאַלן וואָס זאָלן צוגרינד לייגן דאָס וואַסער... נאָר וואָס יאָ? לאָמיר אַ קוק טון אויף דער נושא אַביסל גרונטליכער.

די וואסער-סיסטעם דא אין בלומינגראָוו איז שוין לכל הדעות אין דער קאַטעגאָריע פון "אנטיק", שוין זייענדיג אומגעפער 70 יאר אַלט. קיין געהעריגע "אַפּגרעידס" האָט מען נישט דורכגעפירט, און וויאַזוי מ'האָט עס דעמאָלט געבויעט איז עס שוין געבליבן אַזוי, בלי שום שינוי כל דהוא...

יעצט, מיינט נישט אַז "ס'קומט אַזוי", אין אַפּסטעיט, אַ קליין שטעטעלע אא"וו, ווייל א שנעלער געזוך נאָך די פאַקטן האָט אונז געוויסן אַז ס'ממש נישט בנמצא איבער גאַנץ אַראַנזש קאַונטי, אז ס'זאל זיין אַ וואַסער-אינפראַסטרוקטור אזוי נאכגעלאזט ווי דאָהי!

דאָס נישט דורכפירן רוטינע כסדר'דיגע "אפּדעיטס" וואס זענען קריטיש וויכטיג, ברענגט אומפאַרריכטבאַרע שאָדן פאַר'ן סיסטעם, און דאָס "גיסט זיך איבער" בוכשטעבליך צו יעדן יחיד, צו יעדן איינוואוינער, אין שטוב אַריין, וואו ער קריגט שמוציגע וואַסער פאַר'ן פּרייז פון ריינע...

ס'איז איינפאַך צו פאַרשטיין, ווייל דאָס זעלבע איז ביי יעדן מאַשין וואָס אַ מענטש ניצן, ביי יעדע קאַר, אַז אויב פארנאכלעסיגט מען פון עס ריכטיג מעינטענען מיט די נויטיג אפּדעיטס, דאַן ווערט דער סיסטעם פאַרעלטערט און אָפּגעניצט, ביז מ'קען שוין נישט דורכפירן קיין אפּדעיטס אפילו ווען מ'וויל, נאר מ'מוז שוין איבערטוישן דעם גאנצן סיסטעם וואָס איז פיל מער קאָסטבאַר.

**פאַר דעם איז דאך באשאפן געוואָרן די "וואַסער בילס". מ'וועט צושאַרן אַ מטבע צו יעדן אויפ'ן סטעיטמענט, אַ העכער טאָן די אזוי-אויך הויכע בילס, און פאַרטיג.**



## וואָס טוט די וואַסער שטאַב אויפ'ן ווילעדזש פּעיראָל?

זייט אָבער וויסן, אַז דאָס ברוינע וואַסער וואָס קומט צו אייך אין שטוב אַריין קומט נישט אויטאמאטיש, נאר א ברייטע שטאַב פון ווילעדזש-איינגשטעלטע אַרבעטן דערפאַר זייער העפטיג.

וואָס אַזאָנס איז זייער אויפגאַבע?

זיי קריגן פּעיראָל פאַר'ן "זשאַב" פון באַאָבאַכטן די וואסער-לעוועל. דאָס טייטש: זיי קריכן ארויף אויפ'ן טאנק און קוקן די וואסער-



א ווייערלעס סענסאר וואס מעסט די וואסער לעוועל

לעוועל, צו מאַכן זיכער אַז אַלעס קלאַפּט אָן קיין פּראָבלעמען, און אויב איז סיי וואָס נישט געלעוועלט, דאַרפן זיי דאָס פאַררכטן.

דאָס איז טאַקע זייער וויכטיג, אָבער יעדער וואָס האָט א טראָפּ ידיעה אין די הינזיכטן ווייסט, אז דאס איז א זאך וואס מ'קען גרינג ערזעצן מיט א ספּעציעלע "סענסאָר" וואָס איז פאר דעם צוועק פאַבריצירט געוואָרן! ס'ווערט געניצט אין פילע מוניציפּאַליטעטן און טוט די זשאַב פיל בעסער, אַסאַך מער פּרעציז, ווי די מענטשליכע אָפּעראַטיוון.

געוויס קאָסט דאָס עטליכע טויזענט דאלער צו קויפן, אָבער ס'איז אַן איינמאָליגע אויסגאַבע, און דערנאָך איז עס געוועליך אומזיסט, איינשפּאָרנדיג הונדערטער טויזנטער דאָלער יערליך אין אומזיסטיגע פּעיראָל פאר אומנויטיגע סטעף וואָס פאַר דעם צאָלן מיר אַלע איין אינעם "וואַסער ביל".

מיט אַ שנעלן חשבון און אָפּשאַצונג פון אַ מומחה, לויט'ן מספּר פון טענק וואָס דער ווילעדזש ניצט פאר וואַסער, וואָלט מען פאר אַלע טענק אינאיינעם נישט געברויכט מער ווי די מינימאַלע השקעה פון ביז 30,000 דאללער זיך איינצוריכטן מיט אַ געהעריגן סאָפיסטיקירטן קאָמפּיוטער סיסטעם.

אָבער, דאָ ווייסט מען נישט פון קיין שינויים, און יתכן אַז ס'איינפאַך נישטאָ קיין צייט זיך צו נעמען דערצו, צוליב וואס אזעלכע קריטישע אישוס ווי אַ שאָטעל וואָס קורסירט אויף די גאַסן און בתי מדרשים וואָס ווילן זיך בויען רויבט אַוועק די טייערע צייט און די שטייער-צאָלער-געלטער פון די לאָקאַלע באַהערדע, וואָס באַקעמפן טאָג און נאַכט אַ מאַיאָריטעט פון די אייגענע איינוואוינער דאָ אינעם ווילעדזש...

## פּלוצלינג וויל מן שוין...

נאָך יאָרן לאַנג באַקומען געפערליכע דרוק פון די גוים און שטייענדיג בעפאָר אַ וואל-סעזאָן, האָט ענדליך דער מעיאר געמאָלדן אז יא מ'גייט אנהייבן פאַרריכטן דעם פּראבלעם. נו, אַ געוואַלדיגע זאַך.

אָבער יעצט הערט. די נ.י. סטעיט גאָווערמענט שטעלט צו ספּעצילע "גרענטס" פאר די סאָרט אונטערנעמונגען, צו העלפן לאקאלע מוניציפּאַליטעטן איבערטוישן פונדאַמענטאַלע אינפראַסטרוקטור וואס איז וויכטיג פאַר'ן געזונט און פאר די ענווייראָמענט.

זעלבסט פאַרשטענדליך, אז צו געניסן פון די גרענטס דארף מען אריינגעבן די פּלענער און די "קוואָוטס" וואָס דאָס וועט אָפּקאָסטן,

און דאַן טוען די סטעיט אינסטאַנצן דאס אנאליזירן צו באַשטימען די בארעכטיגונג צו געניסן פון די ספּעציעלע גרענטס.

די אומקאָמפּעטענטע ווילעדזש-פירערשאַפט האָט אָבער געברענגט צום טיש אַן אסטראנאמישן פּרייז פון "א מיליאן צוויי הונדערט טויזענט דאָלער", און דערפאַר האָט מען נישט געקענט געהעריג שאַפן די גרענטס פון דער רעגירונג צו באצאלן דעם פולן קאָסט.

## אַ מיליאָן פּוינט צוויי אָדער אַ האַלבן מיליאָן?

צו דער זעלבער צייט, האָט די יו.זשעי.סי. באָורד, וואס פאַרטרעט אַ מאיאָריטעט איינוואוינער פון שטאָט, געלאָזט רופן עטליכע ריזיגע פירמעס וועלכע פאַרפיגן אויף מאסיווע פלאמבינג זשאַבס און האָבן שוין סוקסעספול אינסטאָלירט ריזיגע וואסער-סיסטעמס צו הערן זייער מיינונג אויף וויפיל אַזאַ פּראָיעקט דארף אפּקאסטן.

אַלע פון זיי זענען צוריקגעקומען מיט אַן ענליכע אָפּשאַצונג, אַז די ארבעט דארף נישט קאסטן מער ווי אומגעפער א האלבן מיליאן דאלער!

און נאָכאַמאָל, דאָ רעדט מען פון סאָלידע קאָמפּאַניס וואָס פירן דורך פיל גרעסערע פּראָיעקטן ווי דעם טאָג-טעגליך און קענען די ביזנעס דורך-און-אַדורך.

## די פּרייז שטימט נישט – ווער באַצאָלט דאָס איבריגע?!

אָבער ביי אונז אינעם ווילעדזש פרעגט מען נישט קיין שאלות, און די זעלבע איז נישטאָ ביי וועמען צו פרעגן. א מיליאָן פּוינט צוויי איז אַ מיליאָן פּוינט צוויי.

איי עס בלייבט א האלבן מיליאן וואס די רעגירונג וויל נישט דעקן פון זייער גרענט? נו, נישט געזאָרגט, פאַר דעם איז דאך באשאפן געוואָרן די "וואַסער בילס". מ'וועט צושאַרן אַ מטבע צו יעדן אויפ'ן סטעיטמענט, אַ העכער טאָן די אזוי-אויך הויכע בילס, און פאַרטיג.



די וואסער אינפראסטרוקטור... הארט נעבן די שארטקאט אויף מענגין מערקט אויף די רעכטע זייט דעם כאטקע, וואו מ'קאנטראלירט די סיסטעם...



די ראסטיגע טענק וואו עס ווערט געהאלטן די "וואסער" צום באנוץ

די אַבסורדקייט שרייט פון זיך אַליין! פארוואס אויף דער וועלט זאלן מיר שטייערצאָלער דאַרפן זיין אויסגשטעלט צו דראסטיש געהעכערטע קאָסטן, אלץ ווייל אין ווילעדזש האָל הערשט אזא שלאבערישע ווירטשאַפט און אומבאַכלעפּשעטער צוגאַנג צו יעדער זאַך, מיט אור-אַלטע ביוראָקראַטישע מעטאָדן וואָס ברענגען נאָר שאָדן.

דא איז פאַרהאַן גענוג און נאך גוטע וואסער וואָס מ'קען אַריינברענגען. די 'סליפ אין' האטעל האט שפרודלדיגע קוועלער מיט ריינע וואסער וואס קענען שפייזן די גאנצע געגענט, און דער אייגענטומער זאגט קלאר אז ער איז גרייט צו געבן וואסער פאַר "אומזיסט"; די פאַרוואַלטונג פון די "קלאוו-וואוד, לעיק ענן פּראפּערטי" פארמאגט גענוג וואַסער מיט וואס זיי קענען סופּלייען דעם גאַנצן ווילעדזש.

פאַרוואָס ווערט דאָס נישט געטון?

ס'איז אַ שאלה וואָס מיר אַלע פרעגן, און אַ תירוץ דערויף וועלן מיר נאָר קענען קריגן ביים שטים-בודקע אום מיטוואך פרשת ויקהל פקודי, מארטש דעם אכצנטער למספרם.

## אונזער וויזיע: טון צו די זאַך!

די די לעזונגען זענען אַזוי איינפאַך, אַזוי פשוט, די אפּציעס זענען אַזוי ברייט, און אַלעס וואס מ'דארף נאר איז איינפאך זיך עפענען די אויגן, קוקן רעאַליסטיש אויף זאַכן, און טון צו די זאַך!

אַריינברענגען פריש וואַסער פון די אויבנדערמאַנטע קוועלער, דורכ'ן געניט און נאָרמאַל באהאנדלען די גאווערמענט-גרענטס קענען איבערמאַכן און פולקאָם רעסטאַווירן די וואַסער-אינפראַסטרוקטור, פאַר אַ **נאָרמאַלן פרייז, פון אַ גוטע פירמע; איינשטעלן אַלע פאָרגעשריטענע און אַפּ-טו-דעיט טעכנאָלאָגיעס וואָס ווערן באַניצט איבעראַל פאר די כסדר'דיגע וואַסער-מעינטענענס, און באַגלייטן נאָכאַנאַנד אַז דאָס וואַסער צו אונזערע שטיבער איז: ריין, לויטער, געשמאַק, גוט צו ניצן און אַנגענעם צו טרונקען!**

אָבער צו קענען טון צו די זאַך, און ברענגען די אישו – צווישן אלע אנדערע אישוס, איבער וועלכע מיר וועלן אויספירליך שרייבן אין די קומענדיגע וואָכן – צו דער ריכטיגער לעזונג, דאַרפן מיר אַלע זיך איינשפּאַנען און "טון צו די זאַך": אַרויסברענגען אונזער מאַקסימום וואַל-כח, שטימען לויט די אָנווייזונגען פון רבני עירנו שליט"א, מיטאַרבעטן מיט די עסקני עירנו ושלוחי תושבינו, און אַזוי אַרום מיט פאַראייניגטע כוחות וועלן מיר אי"ה באווייזן דערפאָלגרייך דורכצופירן "אונזער וויזיע".

## בעבורינו, אל תמנע מים!



נאך א טייל פונעם וואסער סיסטעם אויף די 208 (קעגנאיבער מענגין רד.)

אין די סעריע פון:

אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלנות

## דאָקומענט #7

### דער באורד פרובירט ווידערמאל בתחנונים, אפשר דאך... זאל מען פאַרהאנדלן אינדרויסן פון געריכט...

ווי געשילדערט פארגאנגענע וואך האט דער באורד, אויפ'ן פארלאנג פונעם מעיאר, געשיקט אונזער 'אגענדע' אז ביי דעם זיצונג אינאיינעם מיט'ן פאליציי טשיף זאל אויך דוסקוסירט ווערן די קריטישע אישוס וואס פלאגט אידישע איינוואוינער צווישן זיי דאס פארמאכטע 'שאטל' און די שוועריגקייטן פאר בתי מדרשים, אבער דער מעיאר האט דאס פרעכערהייט צוריקגעוויזן מיט'ן אויסרייד אז די טעמעס זענען שוין אין געריכט און דעריבער קען ער דאס נישט ארויפברענגען איידער א געריכטליכע באשלוס.

נאכ'ן ווערן אזויפיל מאל אפגעפאטשט און צוריקגעוויזן מיט אַן אגרעסיוויטעט, האט **דער 'באורד' אבער נישט נאכגעלאזט די דרכי השתדלות, צום וויפילסטן מאל האט מען נאכאמאל פרובירט מיט'ן גרעסטן רעספעקט צו ווייער מאכן דאס הארץ פון די פאר'עקשנ'טע באהערדע.**

אין א בריוו בעט זיך דער באורד אז אפילו ביי די שווערסטע קרימינאלע 'קעיסעס' איז אנגענומען דער כלל אין גאנץ אמעריקע, אז אויך ווען מען געפינט זיך שוין ביים העכסטן שטאפל פון געריכטליכע קאנפראנטאציעס, איז פארהאן אז א באגריף ווי **"דוסקוסיעס אן דע סייד ליינס", נעמליך אז אינמיטן די העפטיגע טענות, טרעפן זיך ביידע צדדים אין א זייט און מען פרובירט צו אויסהאמערן א שטיקל 'סעטלעמענט', א שלום פלאן אדער כאטש א מינימאלע פארשטענדעניש אין וועלכע ביידע צדדים זענען איינשטימונג.**

דעריבער שלאגן מיר פאָר צום מעיאר אז טראץ דעם וואס די קעיסעס זענען שוין צום באדויערן ארייגעשלעפט געווארן דורך די ווילעדזש אין געריכט, זאלן מיר כאטש ערלויבט ווערן צו האבן א געלעגנהייט דאס צו איבערשמועסן מיט'ן מעיאר אויף א פרידליכן ציווילן אופן. מיר זאלן פשוט קענען הערן און פארשטיין זיין שטעלונג, און דאס זעלבע פארקערט.



-------- Original Message --------
Subject: RE: UJC Introduction Meeting
From: Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
Date: Wed, December 11, 2019 12:08 pm
To: Joel Stern <BoardRep@UJCofBloomingGrove.org>
Cc: Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>, John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>, Blooming Grove PD Police <chief@bloominggrovepolice.com>

Dear Mr. Stern,

Thanks for your e-mail. My position is stated in my prior e-mail.

Best regards,

James A. LoFranco
Mayor

Village of South Blooming Grove
P.O. Box 295
Blooming Grove, New York 10914
(845) 782-2600
(845) 782-2601

**From:** Joel Stern [mailto:BoardRep@UJCofBloomingGrove.org]
**Sent:** Wednesday, December 11, 2019 12:26 PM
**To:** Mayor <mayor@villageofsouthbloominggrove.com>
**Cc:** Clerk <clerk@villageofsouthbloominggrove.com>; John Ross <jross@villageofsouthbloominggrove.com>; Blooming Grove PD Police <chief@bloominggrovepolice.com>
**Subject:** RE: UJC Introduction Meeting

Dear Mayor,

We are well aware that those items are pending litigation, however, it is common practice even in the most complicated criminal cases that opposing sides in a litigation have an "off the record" discussion on the sidelines to settle and mitigate situations in good faith and out of the court system, regardless of whether those cases are then handled in or outside of the court.

Please understand that we as the representatives of the Jewish Community of South Blooming Grove are coming to you in peace, we have no interest in the friction and discord of the past, we as neighbors and residents want harmony and mutual respect amongst everyone, we are willing and ready to turn a new page and converse, discuss and negotiate in good will and good faith, we sincerely hope and believe that this is the case on your end too, therefore, we would like to discuss these topics with you and hopefully solve all ongoing issues and litigation in a peacefull and friendly manner that will be mutually beneficial to all residents in South Blooming Grove.

We hope that you are willing to have this open hearted conversation where we can work things out in a professional and friendly manner.

Looking forward to meet you!

Joel Stern
Community Board Representative

אין דעם אימעיל שטרייכט די 'באורד' אונטער אז מיר בעטן ניטאמאל קיין הבטחות, מיר ערווארטן נישט קיין פאקטישע באלדיגע רעזולטאטן פון דעם מיטינג, מיר ווילן בלויז זיך דאס מינימום פארשטענדעניש, מיר ווילן בלויז הערן און רעדן איבער די טעמעס, דאס אלעס!

מען האט געהאפט אז די דברים המתקבלים אל הלב זאלן האבן עפעס אן השפעה צו אויפלאזן דאס אייז פון שנאה און האס, אבער צום באדויערן האט דאס נישט פאסירט.

דער אנטווארט פונעם מעיאר איז ווידעראמאל געווען בייסיג, קאלט און בייז:

**"מר. שטערן, מיין פאזיציע איז דאס זעלבע ווי ערוועהנט בעפאר".**

אין אנדערע ווערטער: **דער מעיאר זאגט זיך קלאר ארויס מיט זיין וויזיע, זיך צו שלאגן און קעמפן אין געריכט קעגן זיינע אידישע איינוואוינער עד הסוף, און דערפאר וויל ער ניטאמאל איבערלאזן קיין שום טירל פאר א פארשטענדעניש, און אודאי נישט נאכגעבן קיין שום ליניע זיך צו דורכקומען בדרכי שלום ונועם, ווי עס איז דער ווונטש פון אונז אלעמען.**

5

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאווישט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע

## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכינים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

**מיר קערן זיך צוריק צו די אויטענטישע שילדערונגען פון הרה"ח ר' חיים הערש ליימזידער שליט"א, וואס דערציילט שטאפל נאך שטאפל איבער די אינטערסאנטע געשיכטע וויאזוי דעם רבי'נס געטרייע שלוחים האבן על פי ברכתו ופקודת קדשו באקעמפט די אנטיסעמיטישע פרואוון דורך פײַנטליכע שכינים און איבער די דרכי השתדלות כדת של תורה וואס איז בשעתו אונטערגענומען געווארן להחיות עם רב.**

(צום באמערקן אז מיר האבן זיך פיל באנוצט אין די ארטיקלען מיט דעם ספר "רצון צדיק" - תולדות התייסדות עיר קרית יואל, און איבערהויפט האבן מיר גענומען אסאך אינפארמאציע פון דעם ניי ערשינענעם וואונדערליכן ספר "קרית מלך רב" ח"ב, וואס איז נארוואס ארויס פון דרוק, און געוויסע ענינים וואס מיר האבן געהערט פון ר' חיים הערש בקיצור איז שוין דארט אפגעשריבן באריכות מיט אלע דעטאלן ארום, לויט ווי ר' חיים הערש האט עס פארציילט ביי פריערדיגע געלעגנהייטן, תשוח"ח להם).

## די גזירות אויף די גראסערי

רבי חיים הערש שליט"א דערציילט ווייטער:

ביז יעצט האבן מיר גערעדט אלעס וואס מען האט מיטגעמאכט מיט די דירות. אבער אויסער דעם האבן זיי אויסגעזוכט יעדע טריט און שריט וויאזוי מען קען פייניגן און מאכן צרות, און דא איז אריינגעקומען די פרשה מיט די גראסערי.

די ערשטע גראסערי אין קרית יואל איז געעפענט געווארן דורך מו"ה נחום פרידמאן הי"ו אין די בעיסמענט פון די 'גארדן הייזער'. אבער גלייך האט זיך אנגעהויבן א גאנצע מערכה קעגן די גראסערי, וויבאלד עס איז געווען אונטער א דירה און עס איז קעגן דאס געזעץ צו האלטן א קאמערשל געשעפט אין א רעזידענשל ערייע. לויט זייערע ווערטער איז דער גאנצער שטעטל געווען בלויז 'רעזידענשל' און עס איז נישטא קיין שום ערלויבעניש דא צו האבן קיין געשעפטן. (א רעגולאציע וואס איז, דוכט זיך, זייער קענטיג פאר תושבי בלומינגראוו...)

אין אנדערע ווערטער וואלטן מיר דעמאלט נישט געקעמפט צו אריינלייגן אידישע קאנדידאטן און פארמירן דעם ווילעדזש וואלט קרית יואל בדרך הטבע נישט פארמאגט קיין איינציגע געשעפט, עד היום הזה, די געגנט וואלט געמוזט זיין א שטרענגע רעזידענשל זאוניג און קיין מעגליכקייט פון געשעפטן וואס איז "וואלקינג דיסטענס" נעבן ווי מ'וואוינט!

מיר האבן געהאט ציפקע צרות מיט די אינספעקטארס וואס זענען כסדר געקומען קוקן אויב די גראסערי איז אפן. פארשטייט זיך אז צו לאנג האט מען נישט געקענט אזוי אנגיין, ווי נישט ווי איז א גראסערי עפעס וואס איז אפן פאר פאבליק און עס איז נישט שייך דאס צו באהאלטן פון מענטשן.

אין יענע תקופה האט מען געעפנט די גראסערי בלויז אויף איין שעה אין דעם מעת לעת, דאס איז געווען פון 11 ביז 12 אזייגער ביינאכט, אין יענע איינציגע שעה האבן זיך די איינוואוינער געדארפט אריינשארן שטילערהייט אין די גראסערי און איינקויפן דעם ארדער...



THE TIMES HERALD RECORD JUN 4 1976

**Zoning law beats dietary law**

By JANE STUART
Monroe Bureau Chief

MONROE — A member of Monroe's Satmar Hasidic sect has been arrested for violating the town zoning ordinance and refusing to close a grocery store after he was ordered to do so by the building inspector.

Nuchem Friedman, 27, of 28 Quickway Rd. in the Monwood Homes Development, was arrested by state police Wednesday on a warrant issued by Monroe Town Justice Joseph W. Dally.

He was cited for violating the Monroe town zoning law by operating a store in a residential neighborhood and for violating a section of the executive law by failing to obey a "cease and desist" order issued by town building inspector Andrew W. Barone. The latter charge is a criminal violation.

Town Supervisor William C. Rogers said Thursday the town has asked the religious community since February to close a store it operated in one of the homes.

Community leaders claim the facility is necessary because the women in the sect do not drive cars and have limited access to stores in town. In addition, the Hasidim observe strict Kosher dietary laws and specially prepared food is required.

Recently the store was closed and Friedman, the operator, applied for a peddler's license to sell his goods from a vehicle. Rogers said he was granted the license and town officials thought the issue was settled.

"But about a month ago we found they had erected two tractor-trailers with permanent steps, on the street by the apartments. It was now a stationery vehicle," Robers said.

Friedman was given five days from May 25 to stop operating the business, Rogers said. When town officials learned he hadn't complied, they requested the warrant.

Friendman's attorney, Robert Do Nardo of Washingtonville, said Thursday when his client received the order, Di Nardo spoke with town Attorney James G. Sweeney and requested an extension.

"Mr. Sweeney told me he could not grant the extension and doubted seriously we could get one," Di Nardo said. "We did not expect the town to take this action so quickly."

Di Nardo said his client did not "willfully ignore the order." He said he has set up meetings with the members of sect and with Sweeney in the near future "to try and deal with the violation."

"Mr. Friedman did not deliberately violate the stop order. Because of their religious beliefs these people are in a predicament to provide food," Di Nardo said. "They tried in good faith to solve the problem by erecting the trailer."

The attorney said he did not know if Friedman had ever applied for a variance to the zoning law so he could operate a store in the community.

Friedman was released in $250 bail pending a court conference on the matter June 16.

באריכטן אין די פרעסע איבער די 'אומלעגאלע' גראסערי אין קרית יואל

שפעטער איז ר' נחום געגאנגען און זיך געמאכט 'פעדלער לייסענס' וואס מיט דעם האט ער געקענט פארקויפן אויף די גאס מיט א טראק, דאס האט געדארפט צו זיין אזא פראוויזארישע פעדלער טראק וואס איז געווען ערלויבט לויט די געזעץ.

ער האט דעמאלט געברענגט צוויי טרעילארס און ער האט דאס געהאלטן פארשטעקט אונטער זיין הויז. א שטיק צייט האט ר' נחום געברענגט א טרעילאר וואס איז געווען אראפגעשטעלט אויף א ליידיגן באדן צווישן בילדונג 5 און דער ערשטער הויז נאכדעם.

אבער ווען די אינספעקטערס זענען געקומען זוכן די גראסערי און זיי האבן געטראפן די טרעילארס האבן זיי באמערקט אז די טרעילאר האט טרעפ, איז דאס געווען פאר זיי אן הוכחה אז דאס איז א פראמינענטע גראסערי און נישט בלויז א פעדלער טראק, האבן זיי אים געגעבן וויאלעישאנס און געהייסן אוועקנעמען די טרעילארס, און ווען ער האט דאס נישט אוועקגעטראגן אין די צייט האט מען אים ארעסטירט!

עס איז טאקע געווען א תקופה ווען עס איז בכלל נישט געווען קיין גראסערי אין קרית יואל. ר' נחום האט נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געוואנדערט אין טאון ווו מאנרא פון איין לאקאל צום צווייטן וואס דארט האט ער געפירט זיין גראסערי. דאס האט געמיינט אז ביי יעדן 'גראסערי ארדער' האט געמוזט ארויספארן אין טאון דאס איינצוקויפן וואס ווי פארשטענדליך איז דאס געווען ווייט פון אנגענעם.

וואס זאל איך אייך זאגן, עס איז געווען זייער שווער. עס זענען געווען אמת'ע כל התחלות קשות!

## די ערשטע פלענער איבער אן אייגענעם ווילעדזש

אונזערע לויערס האבן שווער געארבעט אין יענע תקופה' מען האט פרובירט אלע ערלייי לעגאלע וועגן און אויך בדרכי שלום אבער מען האט געטאפט א וואנט.

דעמאלט איז פריש אויפגעקומען דער געדאנק פון אן אייגענעם ווילעזש. וואס בעצם פון די ערשטע מינוט האבן מיר געוואוסט אז כדי מיר זאלן קענען עקזיסטירן אויף אונזער אופן, עס זאל קענען אהערשטעלן א אידישע געגנט מיט די מינימאלע אידישע געברויכן, וועלן מיר סוף כל סוף דארפן עטאבלירן אַן אייגענעם ווילעדזש.

ווען מיר האבן נאר אנגעהויבן צו קלערן איבער אויפברענגען דעם פלאן און ארבעטן צו מאכן דעם ווילעזש פאר א פאקט, האבן מיר נישט געוואוסט גענוי אין וואס מיר גייען אריין, אבער אזויפיל האבן מיר יא געוויסט אז וויאזוי ס'איז יעצט קען עס זיכער נישט אנגיין, און כדי די רבי'נס רצון פון אויפשטעלן א שטעטל זאל האבן א קיום און הצלחה מוז מען ארבעטן מיט אלע כוחות צו גרינדן א אייגענעם ווילעזש.

מיר האבן דעמאלט אויפגענומען א גרויסן לויער פון העריסאן מיט'ן נאמען 'ארטור שרייער', וואס ער האט שוין געהאט מצליח געווען אהערצושטעלן אן עקסטערן ווילעזש אין 'ריי, ניו יארק', און ער איז געווען גוט באקאנט אין די אלע געזעצן וואס עס האט זיך נאר אויסגעפעלט. דעריבער האבן מיר זיך אראפגעזעצט מיט אים, און אנגעהויבן צו ארבעטן אינאיינעם אויף א געדאנק אז מיר זאלן זיך קענען אפטיילן פון די 'טאון' און נישט זיין מער אנגעוויזן אין זיי מיט גארנישט.

למעשה האט זיך עס פארצויגן צוליב דעם וואס געוויסע געזעץ עקספערטן האבן אונז צוערשט אפגערעדט אז דאס קען נישט לעגאל צושטאנד קומען אבער פון דער אנדערער זייט איז נישט אנטשטאנען קיין שום פאזיטיווע אנטוויקלונגען אין די שכינים זענען געווארן גאר נאך מער אגרעסיוו און פארביסן. די העצרייען האבן נישט נאכגעלאזט און ווילאנג די צייטונג שרייבער האבן געזוכט פרנסה האבן זיי כסדר געברענגט פון אונז פרישע באריכטן און באשרייבונגען פון אונזערע עוולות. אזוי האבן מיר נאר געליטן און דער מצב ארום איז כסדר נאר געווארן ארגער.

## די העצע ווערט בלויז פארשארפט

איר וועט נישט גלייבן מיט וואס פארא שקרים מען האט געהעצט די אידישע איינוואוינער פון מאנרא, נישט געגוג וואס מען האט גערעדט פון אונזערע פריוואטע עבירות, וואס מיר האבן געבויט און געשטעלט קעגן געזעץ, האבן זיי געמאכט אן איבערקערעניש ווי כאילו מיר זענען דא ווייל מיר ווילן עפעס אוועקנעמען פון זיי, ווי כאילו מיר האבן אין פלאן צו אקופירן גאנץ מאנרא, מיר פלאנען אהערצוברענגען נאך מאסן חסידים, מיט'ן ציל אז די אלטע מאנרא איינוואוינער זאלן מוזן הייבן פיס און מאכן פליטה.

אין די צייטונגען איז געשטאנען אז אינגלעך פון קרית



**טייל פון די פעטיציעס וואס זענען פארזיכטיג אריינגעגבען געווארן מיט בלויז א קליינע צאל חתימות אויף יעדע פעטיציע**

יואל גייען ארום קלאפן און קלונגען אויף די טירן פון די שכנים מיט'ן ציל צו שטערן זייער מנוחה, זיי ווילן אז די 'ריעל עסטעיט' אין די געגנט זאל פאלן און די איינוואוינער זאלן בלית ברירה פארלאזן די געגנט און דאן וועלן מיר איבערנעמען אלע הייזער.

## מען פרובירט ווייטער בדרכי שלום אבער אָן ערפאלג

איך האב דעמאלט פרובירט צו גיין ווייטער אויף דעם מהלך פון 'שתדלנות' צו קויפן 'אדווערטייזינג ספעיס' אין אין די לאקאלע צייטונגען צו ארויסקומען מיט'ן גאנצן אמת און מודיע זיין פאר די שכינים אז עס איז נישט ריכטיג, מיר זענען נישטא פאר קיין מלחמות און קריגערייען, נאר אדרבא מיר זענען אנשי שלום און מיר זענען דא נאר צו לעבן מיט זיי בשלום ובשלוה און אודאי זיך נישט קריגן און זיי זאלן נישט אננעמען די זאכן וואס מען דערציילט אויף אונז.

די רעקלאמעס און בריוו וואס מיר האבן אריינגעשיקט האט ב"ה געהאט א שארקן אפעקט, מיר האבן באלד צוריקגעהערט פון מענטשן וואס האבן געקוקט אויף אונז זייער בייז און זיי האבן געהאט אויף אונז זייער א נעגאטיוון מיינונג אבער זיי האבן יעצט געטוישט זייער בליק אויף אונז. מען האט דאס אויך געזען פון בריוו וואס מערערע איינוואוינער פון מאנרא האבן געשריבן אין שטיצע פון די נייע איינוואוינער וואס ווערן אומזינסט גערדופט.

אבער די העצער האבן נישט אראפגעלייגט דאס געווער, זעהנדיג אז עס הייבט אָן צו בלאזן נייע ווינטן לטובת די אידן, האבן זיי באלד געשריבן בריוו צו די רעדאקציע קעגן די חסידים, און עס האט אנגעהויבן צו ווערן א הייסע פאלעמיק פון ביידע זייטן ווען עס זענען כסדר געפארן בריוו הין און צוריק איבער די טעמע.

למעשה האט מען עטוואס מצליח געווען ביי דעם המון עם מיט וועמען ס'איז געווען כאטש צו ווענען צו רעדן, אבער ביי די העצער, די וואס זענען געשטאנען אין שפיץ פון די העצערייען האט מען קיין שום זאך נישט געטוישט. די רשעים וואס זענען געווען דא בלויז לשם רשעות האבן מיט גארנישט נאכגעלאזט.

עס איז אונז געווען זייער שווער מיר זענען געווען אין גרעסטן שוואונג פון בויען, מיר האבן כסדר געדארפט אנקומען צו די 'טאון', מיר האבן געדארפט פערמיטס, מיר האבן געדארפט אזויפיל זאכן מסדר זיין, אבער עס איז פשוט נישט געווען צו וועמען צו רעדן, זיי זענען געווען הארט און פאר'עקשנ'ט און זיי האבן פון גארנישט געוואלט הערן.

זיי האבן טאקע נישט געוואלט הערן פון אונז, אבער מיר האבן יא געהערט פון זיי מיט דעם וואס זיי האבן אנגעהאלטן און נישט אויפגעגעבן דאס כסדר שיקן 'סאמענסעס' און 'ווייאלעישאנס' וואס האט זיך כמעט נישט אפגעשטעלט. מיר האבן געזען קלאר אז זיי זענען דא מיט איין ציל אונז אונטערצוברענגען און צוברעכן און מיר האבן באמת געטראכט מיט אַן ערנסטקייט "וואס טוט מען דא".

## מען גייט פאַר א 'ווילעדזש'

באמת, לעגאל האבן מיר נישט געהאט קיין שום וועג ארויס, מיר זענען אין א פלאנטער, און דער זומפ איז געווארן אלס טיפער, יעדער מענטש האט פארשטאנען אז אין די אומשטענדן האבן מיר נישט קיין שום עתיד, מיר קענען זיכער נישט טראכן פון קיין לעזונגען ווען מיר זענען פון אלע זייטן ארומגענומען מיט מענטשן וואס קיינער פון זיי זוכט נישט אונזער טובה, נאר אדרבא מען טוט אלעס אויף דער וועלט אונטערצוברענגען און צעברעכן.

עס איז קלאר געווען אז מיר האבן נאר איין ברירה, נעמליך: צו אויסנוצן די רעכט וואס די אמעריקאנער קאנסטוטוציע גיט פאר אלע אירע בירגער, און ווערן זעלבסשטענדיג דורך זיך אפטיילן פון דעם 'טאון', אזוי אז מיר זאלן האבן אונזער אייגענע אויטאריטעט און בכלל נישט זיין אנגעוויזן אין זיי.

ווי דערמאנט, האב איך זיך געהאט פארבינדן שוין בעפאר מיט א לויער פון וועסטשעסטער קאונטי מיט'ן נאמען ארטור שרייער, ער איז געווען א גרויסער עקספערט אין דעם געביט פון זאונינג, ווילעדזשעס און טאונס, און מיר זענען געקומען צו אים מיט אונזער פארלאנג אז ער זאל אונז העלפן זיך פארמירן אין אן אייגענעם ווילעדזש.

מיר האבן אים דערציילט אלעס וואס מיר גייען אריבער, און איבער דעם גרויסן קאמף וואס מיר האבן מיט די טאון. מיר האבן אים דערביי מודיע געווען אז דאס איז א שווער פעלד ווייל מיר זענען ארומגענומען מיט זייער ראפינירטע שונאים, צווישן זיי זענען דא געלערנטע מענטשן, אדוואקאטן וואס

קענען גוט געזען, און עס איז זיכער נישט פון די לייכטע זאכן זיי צו קענען געווינען.

דער לויער האט אונז דאן געזאגט אז דער געזעץ אין ניו יארק לויטעט אז יעדע וואוין ארט וואו עס זענען פאראן 500 נפשות האבן דאס רעכט זיך צו פארמירן אין אן אייגענעם ווילעדזש און קיינער קען דאס נישט שטערן. ממילא דאס איז קלאר אז געזעצליך זענען מיר ערלויבט דערצו און מען קען אונז נישט אפהאלטן דערפון.

נאר וואס דען ? דער פראצעדור פון אריינגעבן די פארלאגע איז היבש קאמפליצירט, און עס קען אמאל זיין א קליינער טעות וואס מען האט פארזען אז זיי זאלן זיך ארויפכאפן אויף א קלייניגקייט און מיט דעם אונטערברענגען די גאנצע זאך. דעריבער דארף מען זיין זייער פארזיכטיג איידער מען גיט אריין די פעטיציע אז אלעס זאל זיין אויסגעארבעט בשלימות און עס זאל גארנישט זיין וואס זאל נאכדעם ברענגען צו קאמפליקאציעס און עגמת נפש.

דער לויער האט זייער קלאר געזאגט אז אויב מיר וועלן מצליח זיין און אריינגעבן אַן אויסגעהאלטענע פעטיציע, קענען אונזערע שונאים גארנישט טון צו דאס שטערן, ווייל דער געזעץ איז זייער פשוט און קלאר אז מיר זענען פולקאם בארעכטיגט צו באקומען די רעכטן וואס די אמעריקאנער רעגירונג גיט פאר זייער בירגער.

## די פעטיציע ווערט צוגעגרייט

דער לויער האט אונז קלאר געמאכט אז מיר גיין אריין אין א זיכערע וועג, אבער אויך א מסוכנ'דיגע, ווייל 500 איינוואוינער דארפן חתמ'ן די פעטיציע און מ'דארף זיין געווישט אז אינוועסטיגע'טארס וועלן מעגליך אראפרופן יעדן איינעם אדער עכ"פ טייל פון די וואס האט אונטערגעשריבן די פעטיציע, מען וועט אנהויבן אויספארשן שווערע פראגעס מיט'ן ציל צו פארמישן דעם באטרעפנדן אויף וואס מען דארף זיין גוט צוגעגרייט.

ער האט געזאגט א דוגמא אז דער אינוועסטיגעיטאר קען פרעגן אזא פראגע ווי: "בשעת דו האסט אונטערגעשריבן אויף די פעטיציע, וויפיל מענטשן זענען געווען פאר דיר אויפ'ן צעטל?", א.ד.ג, און אויב ער וועט מחליט זיין אז ער האט געכאפט די אונטערגעשריבענע ביי שקרים קען ער מבטל זיין די גאנצע פעטיציע.

דעריבער האט ער אונז געראטן אז מען זאל שטארק צוגרייטן דעם עולם על כל צרה שלא תבא, און יעדער זאל זיין גרייט און געווישט אז נאכדעם וואס מען שטעלט אהער די פעטיציע זאל מען זיין זייער קלאר אויף יעדער שאלה שלא תבא.

אין יענע צייט האבן מיר געהאט א מקום וואו מען האט געמאכט אלע מיטונגען בנוגע דעם ווילעדזש. דאס איז געווען איינעם בעיסמענט פון הרה"ח רבי שלמה מיכל ראזנער ע"ה, וואס ער האט דארט געהאט א צוגעשטעלט פלאץ און דארט פלעגן מיר




זיך צוזאמקומען, דער לויער איז דארט עטליכע מאל אראפגעקומען און ער האט אונז פארגעברייט מיט מערערע דעטאלן וואס מיר דארפן וויסן.

## דער ציבור שרייבט אונטער

מיר האבן צוביסלעך געלאזט רופן די איינוואוינער, יעדע שטיקל צייט אַן אנדערן טייל פון די תושבים, פאר יעדן האבן מיר מסביר געווען געווען דעם אחריות פון די פעטיציעס, אז זיי זאלן וויסן ווי פארזיכטיג מען דארף זיין ווען מען שרייבט דאס אונטער.

און דער ציבור האט זיך טאקע שיין צוגעשטעלט וויסנדיג אז דאס איז דער רצון פון רביה"ק זי"ע. יעדער האט פארשטאנען אז דאס איז יעצט די מינימאלע השתדלות וואס פאדערט זיך פון אונז, צו פשוט קענען האבן אייגענע פארטרעטער למען עתיד הישוב. דער ציבור תושבי קרית יואל איז געווען א ציבור פון געטרייע חסידים פונעם רבי'ן זי"ע, און מען האט זיך צוגעשטעלט מיט'ן גאנצן הארץ לעשות רצון צדיק.

מיר, די הנהלה, האבן גלייכצייטיג זייער שווער געארבעט אז די חתימות זאלן קלאפן און זיין אויסגעהאלטן, מיר האבן דאס באווארנט אויף אלע אופנים אז דאס זאל נישט קענען צעבראכן ווערן.

צוליב די סיבה האבן מיר געמאכט אז אלע חתימות זאלן זיין אויסגעשטעלט אין א סדר, אז אויף איין בלעטל זאל נישט זיין מער ווי פינף חתימות, אזוי זאל זיין לייכט פאר יעדן צו געדענקן בערך וואו ער האט גע'חתמ'ט. יעדע חתימה האט געהאט א נומער, אזוי אז פון אונזער זייט האט מען בעזהשי"ת זיך געשפירט פארזיכערט אז די פעטיציע וועט אריבערגיין אָן קיין פראבלעמען.

מיר האבן אויך אנגעצייכנט א געניגע מאפע וועלכע שטח מיר ווילן האבן איינעם ווילעדזש. דער לויער האט אסאך אויסגעפרעגט פריוואט די חותמים ער האט געוואלט זעהן ווי ווייט זענען גרייט אויב עס וועט קומען צו אינוועסטיגעישאנס און ער איז ארויס זייער צופרידן.

**ליינט קומענדיגע וואך בעז"ה וויטערדיגע אויטענטישע שילדערונגען איבער די אינטערסאנטע אנטוויקלונגען בראשית ימי קרית יואל און איבער די דרכי ההשתדלות בחייו פון רביה"ק זי"ע**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק **אדמו"ר מזמיגראד** שליט"א
**לרגל נישואי נכדתו שתחי' למז"ט**

הרה"ג ר' **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א
אב"ד טעטש
**לרגל נשואי בתו למז"ט**

ר' **אלימלך הלל הערשקאוויטש** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעטותו"צ**

ר' **שמואל לאנדא** הי"ו
**לרגל הכנסת בנו לעטותו"צ**

ר' **יואל מזרחי** הי"ו
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

ר' **דוד קליין** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת




# מודעה משמחת

מיט דעם ווילן מיר מודיע זיין אז בס"ד איז אונז געלונגען מסדר צו זיין א שיעור כללי

# יו"ד ח"ב

יעדע הלכה קלאר און דייטליך ביז להלכה ולמעשה

פארגעלערנט בטוטו"ד דורך
הגה"צ **אב"ד דקהילתינו** שליט"א

## די קומענדיגע 2 דינסטאג'ס
## פ' יתרו - משפטים

## בשעה 8:45 בערב
## בהיכל בית מדרשינו

הרה"ק ר' אורי מסטרעליסק זי"ע חזר על הלכות אלו אלף פעמים בלי גוזמא (טהרת ישראל)

# בלומינגראוו קלאסיפיידס
# BLOOMING GROVE CLASSIFIEDS

## On Field Builders Inc.
## 845 200 4149

byldit.
BYLDITNY.COM
BERRY & MOSHE
SHEA POSEN
845 400.BYLD
2953
INFO@BYLDITNY.COM

לכו והתפרנסו זה מזה: ביזנעסער און סערוויסעס פון בלומינגגראוו אייגוואוינער

SPONSORS

Printout for BUSINESS

byldit.
BYLDITNY.COM

3dhdesigns.com

printcenter™

**United Jewish Community of Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
*Board Chairman*

Joel Stern
*Board Representative*

Robert S. Rosborough IV
*Board Counsel*

Joseph Weinberger
*Finance / Fundraising*

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Kraus
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
*Board members*

## געלעגענהייט!

זיך גרייטנדיג צום וואל סעזאן, טוען מיר מעלדן פאר'ן פובליק, אז עס ווערט געזוכט

# צוויי פּאָול וואַטשער
# Poll Watcher

אויף די טאג פון די עלעקשאנס קומענדיגן
## מיטוואך ויקהל פקודי
כ"ב אדר הבעל"ט, ולמספרם
## March 18, 2020

די אויפגאבע פונעם פאול וואטשער איז צו זיכער מאכן אינעם שטום ארט אז בלויז רעגיסטרירטע איינוואוינער קענען שטימען ביי די עלעקשאנס

**גוט באצאלטע פאזיציע פאר פאסיגע פערזאן**

פאראינטערעסירטע ביטע קאנטאקטן אין אפיס:

## 845-237-4828

אדער שיקט א אי-מעיל צו:

**Info@UJCofBloomingGrove.org**

בכבוד רב
**United Jewish Community of Blooming Grove**